Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

נייער פאלקסבלאט

№ 22 | Łódź, Środa, 25 stycznia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ"ז טבת תרצ"ג | № 22

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

פערקלענערען די פרייזען

פון אלע אינדוסטריע-ארטיקלען

אזא אקציע וועט די רעגירונג ווייטער פיהרען, האט ערקלעהרט דער האנדעלס-מיניסטער אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע

ארבייטס-לוינען פערקלענערען און פערשמעלערען די סאציאלע פערזיכערונגען

האט געפאדערט דער „לעוויאטאן"-פערטרעטער, דער רעפערענט פון דער קאמיסיע דעפ. מינקאווסקי

וו א ר ש א, 24 (טעלעפאניש)

די נעכטיגע זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע ביים סיים האט זיך פערנומען מיט'ן בודזשעט פון מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע.

די דאזיגע זיצונג איז געווען

סענסאציאנעל

צוליב 2 טעמים. סיי דער רעפערענט דעפ. מינקאווסקי (ב.ב.) און סיי דער האנדעלס-מיניסטער זאושיצקי האבען געלטזען זייערע רעדעס פון פא

פיר. דעם רעפערענט'ס רעפעראט האט ענטהאלטען 63 דרוק-זייטען געדיכט געשריבען און דעם מיניסטער'ס רעדע 240 זייטען. ביידע האבען געלעזען אין א זעהר שנעלען טעמפא אזוי, אז די דעפוטאטען האבען זעהר שווער געקענט כאפען דעם אינהאלט.

רעפערענט — פערטרעטער פון „לעוויאטאן"

די צווייטע סענסאציע איז געווען דער רעפעראט גופא פון דעפ. מינקאווסקי. א ייד, וועלכער

איז דער פערטרעטער פון „לעוויאטאן" און האט טאקע אין זיין רעפעראט אויסגעפיהרט די שטעלונג פון „לעוויאטאן" בנוגע דעם האנדעל און אינדוסטריע.

דער פאקט, וואס דער רעפערענט פון דער קאמיסיע האט ארויסגערוקט די שטאנדפונקטען פון „לעוויאטאן", האט ארויסגערופען גרויס צורודערונג צווישען די ראדיקאלע פויערים און ב.ב.-דעפוטאטען, וועלכע האבען באלד נאך דער זיצונג זיך צוזאמענגעקליבען אויף א בעראטונג אנצונעהמען א בעשלוס צו די אויספיהרונגען פון רעפערענט.

דער האנדעלס-מיניסטער האט באלד אין זיין רעדע אויסגעדריקט זיין געגנערישע שטעלונג צו די טעזען פון רעפערענט.

דער רעפערענט דעפ. מינקאווסקי האט אין זיין רעפעראט בנ'געע די

מיטלען אויסצובעסערן די לאגע איז האנדעל און אין דער אינדוסטרי

ארויסגערוקט פאלגענדע טעזען:

1) הויבען די פרייזען פון די לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען.

2) פערקלענערען די ארבייטסלוינען, כדי אזוי-ארום צו פערשטארקען די פראדוקציע, פערקלענערן די פרייזען פון די אינדוסטריע-ארטיקלען און פערגרעסערען די פראדוקציע.

3) ענדערען די סאציאלע פערזיכערונגען דורך פערשמעלערען די טעטיגקייט פון די קראנקען-קאסעס, „זופו" און עלטער-פערזיכערונג.

4) די רעגירונג זאל נישט שטערען דאס ארגאניזירען און בעשטימען קארטעל-פרייזען לויטן איינזעהען פון די קארטעלען און נישט פאדערען צו פערקלענערען די קארטעל-פרייזען.

וועגען דער איצטיגער לאגע אין האנדעל האט דער רעפערענט געזאגט, אז דער האנדעל שטיצט זיך איצט נישט אויף געזונדע יסודות און אז מען וועט נישט געזונד מאכען דעם האנדעל מיט דער הילף פון אדמיניסטראטיווע פעראָרדנונגען.

דער האנדעלס-מיניסטער זאושיצקי

האט אין זיין רעדע זיך אפגעשטעלט אויף די מיטלען צו שיצען דעם האנדעלס-בילאנס און האט דערמאנט, וועגען דער ספעציעלער קאמיסיע, וואס איז געשאפען געווארען ביים האנדעלס-מיניסטעריום צו רעגולירען די לאגע אין האנדעל און אין דער אינדוסטריע.

אלס תשובה אויף דער פאדערונג פון רעפערענט דעפ. מינקאווסקי, האט דער מיניסטער ערקלערט, אז

די רעגירונג וועט נישט אפשטעלען די אקציע צו פערקלענערען די פרייזען פון אלע אינדוסטריע-ארטיקלען.

ווייטער האט דער מיניסטער פעסטגעשטעלט, אז די פראדוקציע אין דער אינדוסטריע האט זיך פערקלענערט, דאס זעלבע די קאנסומציע, און דער עקספארט, בעזונדערס האט זיך פערערגערט די לאגע אין דער אייזען און אין דער קויהלען-פראדוקציע.

דאך האלט דער מיניסטער, אז געוויסע מאמענטען בעווייזען, אז די אינדוסטריע געהט אויפן וועג פון א פערבעסערונג.

א שארפע רעדע האט נאכדעם געהאלטען דער דעפ. פיען (פ. פ. ס.), וועלכער האט אויסגעפיהרט, אז דער האנדעל איז טויט און אז די רעגירונג שטיצט דעם „לעוויאטאן".

די ווייטערדיגע דיסקוסיע איז אפגעלעגט געווארען אויף דער היינטיגער זיצונג. ס'וועט היינט אויך נעמען א ווארט דעפ. ראזמארין.

—:)א:(—

19 גראד פראסט אין לאדז

דער פראסט האט נעכטען ארום 4 א זייגער פארטאגס דערגרייכט ביז 19 גראד.

דינסטאג, כ"ו טבת תרפ"ג (דעם 24-טען יאנואר 1933) איז געשטארבען און געקומען צו קבורה

דוד טענענבוים ז"ל

(בעאמטער פון דער קהלה-קאנצעלאריע אין לאדש)

כבוד זיין אנדענק!

די פערוואלטונג פון דער יוד. קהלה אין לאדזש.

332

פול מיט צער שטעהן מיר זיך געזעגענען פאר דעם פרישען קבר פון אונזער חשוב'ן חבר און לאנגיעהריגען מעמבער לטובת דעם צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין אין לאדזש

הבר דוד טענענבוים ז"ל

און מיר דריקען אויס דעם טיף-טיפען מיטגעפיהל די הינטערבליבענע פאמיליע.

די פערוואלטונג פון צענטר. קליינהענדלער-פעראיין פאמירסקא 15.

341

מיר דריקען אויס אונזער אויפריכטיגען טרויער און טיפען מיטגעפיהל דער משפחה פון'ם פערשטארבענעם חבר

דוד טענענבוים ז"ל

קאנצעלאריע-פערסאנאל פון דער יודישער קהלה אין לאדזש.

333

פול מיט צער שטעהן מיר זיך געזעגענען פאר דעם פרישען קבר פון אונזער חשוב'ן חבר, מיטגליד פון אונזער פארטיי ראט

נ"ע דוד טענענבוים

און מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל די הינטערגעבליבענע פאמיליע.

דער ראט און עקזעקוטיווע פון דער יודישער פאלקס-פארטיי אין לאדז.

341

סען-קאנטען מזל-טוב פראנקרייך

צום געבורט פון אייער זינדעלע, מיין שוועסטערן טאכטער און מאן, ווי אויך קוזינע און קוזין

יוסף און לינא טאביאש

ווינשען מיר אייך פיל גליק אין אייער צוקונפט.

רייזעל און הענעך גאש, אכתר און הערצקע סיבעל.

328

סען-קאנטען מזל-טוב פראנקרייך

צו הערציגען מזל-טוב ווינשען מיר אייך ליבע שוועסטער, שוועגערין און שוואגער, ווי אויך אנקעל און טאנטע

מאניא און משה גליצענשטיין

צום געבורט פון אייער אייניקעל

פאמיליעס: רייזעל און הענעך גאש, אסתר און הערצקע סיבעל.

328

חסידי ראקפשא | ווארשאווער זאל

לודז, פאלודניאווע 21. | פאלודניאווע 36.

היינט, מיטוואך, ד' וארא (25/I 33) צו דער דריטער יאהרצייט פון ראפשער רבי'ן זצ"ל פון פאלודניאווע 21 קומט פ:ר אין ווארשאווער זאל, פאלודניאווע 36, 8 א זייגער אוונט

א פייערליכער

חגיגת סיום הספר תורה

אויפ'ן נאמען פון רבי'ן זצ"ל מיט'ן אנטייל פון בעוואוסטע מנגנים און ארקעסטער. דאס נייהען יריעות פאר פרויען הויבט זיך אן פון 6 נאכמ. בעמערקונג: דאנערשטאג 11 א זייגער פריה וועט דער רבי שליט"א זיין אויפ'ן זאל.

ועד כתיבת ספר-תורה דחסידי האדמו"ר שליט"א מראפשא. לודז, פאלודניאווע 21.

337

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9-4 און פון 4 ביז 7.30 אוונט.

1091

מלחמה=חובות
איז עקאנאמישע וועלט=פראגע
וועגען דעם וויל פרעז. רוזוועלט רעדען מיט ענגלאנד

לאנדאן, 24 (ספ. טעל.)

לויט אנ׳אפיציעלען קאמוניקאט פון אויסערן-מיניסטעריום, האט סטימסאן מודיע געווען דעם ענגלישען אמבאסאדאר, אז פרעזידענט רוזוועלט וויל זעהר גערן, אין אנהויב מערץ, זיך טרעפען מיט פערטרעטער פון גרויס-בריטאניע, כדי ארומצורעדען די פראגע וועגען די חובות.

פרעזידענט רוזוועלט וויל, מען זאל פערשטעהן, אז דער דאזיגער שמועס זאל אויך פערוואנדלט ווערען אין א דיסקוסיע איבער עקאנאמישע פראגען פון א וועלט-באדייטונג.

אינטערנאציאנאלער באהן-קאנגרעס אין קאירא

קאירא, 24 (ספ. טעל.)

אין קאירא קומט פאר די 12 סעסיע פון אינטערנאציאנאלען באהן-קאנגרעס אין וועלכען עס באטייליגען זיך טויזענר דעלעגאטען.

א נייער קאמוניסטישער דעפוטאט

ווארשא, 24 (טעלעפאניש)

אין חודש פעברואר ווערט אונגילטיג דער מאנדאט פון קאמוניסטישען דעפוטאט, דער ווארשעווער מוירער-ארבייטער ספיטשאק, וועלכער האט זיך נאך ביז איצט נישט געמאלדעט אין סיים.

אויף זיין ארט וועט אריינגעהען דער צווייטער קאנדידאט מאריאן כענטשינסקי, א ווארשעווער באהן-ארבייטער.

א גרויסע בעראטונג אין וואשינגטאן

וואשינגטאן, 24 (ספ. טעל.)

נעכטען נאכמיטאג איז דער ענגלישער אמבאסאדאר אין אמעריקא אוועק אין מלוכה-דעפארטאמענט.

ביים ארויסגעהען, האט דער ענגלישער אמבאסאדאר אפגעזאגט צו געבען ערקלערונגען וועגען אינהאלט פון שמועס, וואס איז דארט געפיהרט געווארען.

אין אמעריקאנער מלוכה-דעפארטאמענט זענען נעכטען אויך געווען די איטאליענישע און בעלגישע אמבאסאדארען.

געכאפט אין דער שווייץ און אוועק-געפיהרט קיין ראטענפערבאנד
א מיטארבייטעריז פון דער סאוויעטישער באטשאפט אין בערלין

בערן, 24 (ספ. טעל)

די שווייצארישע רעגירונג האט בעשלאסען אנצוהויבען אנ׳אויספארשונג וועגען די געוועזענע מיטארבייטערין פון דער בערלינער סאוויעטישער באטשאפט מאריא עליאנאוו, וועלכע אגענטען פון ג. פ. או. האבען געכאפט אויף דער שווייצארישער טעריטאריע און אוועקגעפיהרט קיין רוסלאנד.

די אקופאציע פון מאנדזשוריען איז א יאפאנישע פראוואקאציע
שטעלט פעסט דער פרעזעס פון דער מאנדזשורער קאמיסיע ביי דער פעלקער-ליגע

לאנדאן, 24 (ספ. טעל)

לארד ליטאן, דער פרעזעס פון דער מאנדזשורער קאמיסיע ביי דער פעלקער-ליגע, האט פערעפענטליכט אין דער פרעסע אנ׳ארטיקעל אין וועלכען ער פאדערט אויף די פעלקער-ליגע ענערגיש אויפצוטרעטען געגען יאפאן וועגען מאנדזשוריען. ער שטעלט פעסט, אז די אקופאציע פון מאנדזשוריען דורך יאפאן איז געווען א פראוואקאציע פאר דער גאנצער וועלט. אויב די דאזיגע פראוואקאציע וועט נישט געבראכען ווערען בלייבט א סכנה פאר אלע מלוכות.

ביאליק-פייערונג אין דאנציג

דאנציג (יט״א) די טעג איז דא פארגעקומען אנ׳אימפאזאנטע יובילעאום-פייערונג לכבוד ח. נ. ביאליק צו זיין 60-יעהריגען געבורטסטאג.

די פייערונג איז ארגאניזירט געווארען דורכן רעוויזיאניסטישען קלוב „מזרח" אין דאנציג. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען ה. נ. ביאליקס לעבען און שאפען זענען ארויסגעטרעטען די שריפטשטעלער ש. בלום, ע. עליאשאן און אנד. צום שלוס איז ארויסגעשיקט געווארען א בעגריסונגס-טעלעגראם צום יובילאר.

אראבער דראהען דעם עמיר אבדולאה
אויב ער וועט נישט צוריקציהען די קניה מיט יודען
אראבישע אינטערווענצען ביים הויך-קאמיסאר און ביי אראבישע פריינד אין אמעריקא

ירושלים, 24 (יט״א טעלעגראפיש)

ס׳איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון דער אינאבהענגיגער אראבישער פארטיי, אויף וועלכער ס׳זענען געווען אנוועזענד פארשטעהער פון עבר-הירדן, סיריען און איראק. ס׳איז אנגענומען געווארען א שארפער פראטעסט געגען עמיר אבדולאה. דער עמיר ווערט אויפגעפאדערט זיך צוריקצוציהען פון דער קניה מיט יודען, אויב נישט דראהט מען איהם צו שטירצען.

די פערזאמלונג האט אויך בעשלאסען צו אינטערווענירען ביים הויך-קאמיסאר געגען דער יודישער ערד-טראנזאקציע אין עבר הירדן. ס׳זענען אויך ארויסגעשיקט געווארען טעלעגראמעס צו די אראבישע פריינד אין אמעריקא און דעם בעוואוסטען עקאנאמיסט גרעב, אין וועלכע ס׳ווערט געבעטען נעגענצווווירקען די יודישע קניות אין עבר הירדן.

צוגאב-קופאן
צום קאנקורס פאר די לעזער פון „נייעם פאלקסבלאט"

די זוכי-בגורל בעקומען אימזיסטע רייזע דירה, ערשטקלאסיגע בעשפייזונג און פערגעניגען אויף אלע אימפרעזעס אויף דער גראנדיעזער ווינטער-מפגיה׳דיגע קיין זאקאפאנע.

די בעקאנטע ענגלישע פל... [illegible] אין בישט צוריקגעקומען פון איהר פליה איבערן מדבר סאכארא. דער מאן פון דער בעריהמטער פליהערין עמי דזשאנסאן האט ארגאניזירט א רעטונגס-עקספעדיציע צו אפזוכען די בעריהמטע פליהערין.

דער „קהלת-ישראל"=פעראיין אין דאנציג
בעקומען דאס רעכט אויף אייגענער שחיטה

דאנציג (יט״א) א דאנק דער אינטערווענץ פון הרב סעגאלאוויטש האט דער קהלה - ישראל-פעראיין אין דאנציג בעקומען פון פאליציי-פרעזידיום דאס רעכט צו פיהרען אן אייגענע שחיטה.

עס איז יעצט צו בעמערקען, אז די דאנציגער קולטוס-געמיינדע האט זיך בעמיהט נישט דערלאזען דערצו, אז דער קהלה-ישראל-פעראיין זאל פיהרען אן אייגענע שחיטה.

פאר גאלד, בזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעם
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פעטריקאווער 7

מיט 50 פראצ. טייערער
צאהל איך פאר בריליאנטען, גאלד, זילבער, פערל׳ גאלדענע צייהן און לאמבארדאווע קוויטעס
M. H. LISSAK, Piotrkowska 5

גאלד, זילבער, בזשוטעריע
קינסטליכע גאלדענע צייהן און לאמבארד-קוויטעס, קויף איך און צאל די העכסטע פרייזען
L. Korzeń, Pomorska 26. 279

Dr. Wajnberg
ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל=גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

Laboratorjum Chemiczno=Bakterjologiczne
Inż. Chem. **F. SZAC**
ul. Piotrkowska 37, tel. 230-85
Wszelkie analzy przemysłowie: wody, mydła, oleiny, artykułów spożywczych itd'
Ceny zniżone

שייטלען מיט פאריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען
צו ביליגע פרייזען
ביי פרוי ב. פארזשוצקא, קאמיעננא 5.
2-טער הויף, לעצטע אפיצינע 2-טער שטאק.

אונעהרליכע קאנקורענץ רואינירט דעם האנדווערקערטום!
אפעל צו דער לאדזשער יוד. קהלה וועגען א ראציאנעלע קיהלען-פערטיילונג
פלענאר-זיצונג פון האנדווערקער-ראט (פאלודניאווא 4)

נעכטען איז אין לאקאל פון צענטראלע יודישען האנדווערקער און קליין-אינדוסטרי - כעבאר אין דער לאדזשער וואיעוואדשאפט (פאלודניאווא 4) פארגעקומען די צווייטע פלענאר-זיצונג פון האנדווערקער-ראט אונטערן פארזיץ פון ה׳ אל. צוים. אין דער פערזאמלונג האבען זיך בעטייליגט די פארשטעהער פון 23 האנדווערקער און קליין-אינדוסטרי-פאכען.

פארן צוטרעטען צום טאג-ארדנונג גיט ה׳ ר. האפמאן אן ערקלערונג וועגען די קוילען-אקציע פון דער יודישער קהלה. פון וועלכע עס זעהט זיך ארויס, אז די קהלה האט בעשלאסען צו פערטיילען די קוילען כמעט לויט די בעדערפענישען. נאך דער דיסקוסיע בעשליסט דער ראט צו אפעלירען צו דער קהלה׳ס פערוואלטונג, איבערצוגעבען דעם בעשטימטען קאנטינגענט קוילען דעם האנדווערקער-פערבאנד, וועלכער וועט קענען אן שפיכת-דמים אדורכפיהרען א ראציאנעלע פערטיילונג. —

נאכ׳ן איבערלעזען דעם פראטאקאל ווערט אויפ׳ן ארט פון רעזיגנירטען וויצע-פרעזעס ה׳ רינשיק, בעשטעטיגט ה׳ מאטיל. עס ווערט אויך בעשלאסען, אז די מייסטער זאלען זיך בעמיהען צו געבען ארבייט דעם קיבוץ הכשרה א. נ. ש. מאהיליוועף.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג נעמט דאן א ווארט לאזניק יאעל, וועלכער דריקט אויס דעם וואונש, אז די ראט - פערזאמלונגען זאלען זיין עפענטליכע, וואס עס ווערט אנגענומען.

דער הויפט אינטערעס פון דער ראט-פערזאמלונג איז געווען דער פונקט וועגען לוסטרירען די האנדווערקער - ווערקשטעלען. אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט די פארשטעהער פון טאפעצירער, היטעל-מאכער, טישלער, בלעכער, שלאסער, יובילער, צער, שאפט-על-מאכער-קארבארבאצ׳ע, זאקענמאכער א. אנד. די רעדנער שטעלען פאר פאר די פערזאמלטע די וויכטיגע פון דער אינעהרליכע קאנקורענץ, וואס ווערט אנגעפיהרט דורך די נישט-קוואליפיצירטע בעלי-מלאכות פון אלע פאכען. א ראדיקאל מיטעל דערצו וואלט אפשר געווען, דאס שליסען פון די אונלעגאלע ווערקשטעלען. עס האבען זיך אבער אויך געהערט שטימען, אז אזא מיטעל קען ברענגען צום אונטערגאנג פון א סך יודישע עקזיסטענצען, אויך פון עמישען שטאנד פונקט אין נישט דערלאזבאר איבערצוגעבען דעם גורל פון דעם יודישען האנדווערקער אין די הענד פון געמישטע קאמיסיעס, וואס וועלען זיך נישט רעכענען מיט יעדען איינצעלנעם פאל און וועלען אין אלגעמיין זיך בעמיהען צו שליסען, וואס מעהר יודישע ווערקשטעלען.

דאס לעצטע ווארט אין דער דיסקוסיע בעקומט ה׳ פרויגד, וועלכער זאגט די פערזאמלונג נישט אנצונעהמען קיין איבעראיילטע בעשלוס, ער דערמאהנט, אז דער אינדוסטריעגעזעץ ענטהאלט פערשידענע פונקטען, וואס זענען אימשטאנד צו פערקלענערן די צאהל יודישע האנדווערקער ביז א מינימום, א בעשלוס צו שליסען האנדווערקער - ווערקשטעלען, וואלט געווייזען מיט איגענע הענד אויסצופיהרען אנ׳אורטייל אויפ׳ן פראדוקטיווסטען עלעמענט פון יודענטום.

נאך דער דיסקוסיע ווערט אנגענומען דער פארשלאג פון וויצע-פרעזעס ה׳ קארנבלום; א יוריסט בעהעבדיג פון שטאנדפונקט, אז אין יעדען פאך געפינען זיך איינצעלנע שארלאטאנען און דאס נוציגט נישט צו לוסטרירען אלע ווערקשטעלען, בעשליסט דער ראט איבערצוגעבען אין דער פראגע פון די לוסטראציעס צום טאג-ארדנונג. עס זאל דאגעגען געוויילט ווערען א פאך-קאמיסיע, אין וועלכע ס׳וועלען אריין צו איין פארשטעהער פון יעדען פאך. די קאמיסיע זאל האבען די אויפגאבע צו בעטראכטען יעדען איינצעלנעם פאל פון אונעהרליכע קאנקורענץ.

דערמיט ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע לאמגארנס
ביליגער, טאמאשאווער און לאדזשער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאר
אין פראנט, II שטאק

דאס יודענטום און דער וועלט-שלום

אינטערעסאנטע אנקעטע פון א יודיש-רומענישער צייטשריפט

בוקארעשט (יט"א).

דאס בוקארעשטער יודישע וואכענבלאט „רעד-באקטערא נאאסטרא" פיהרט דורך אן אנקעטע צווישן א ריהע וועלט-בארימטע פערזענליכקייטן אויף דער טעמע: „דאס יודענטום און דער וועלט-שלום". אין דער אנקעטע האבן זיך די ערשטע אפגערופן גראף קודענהאווע-קאלערגי, דער פיהרער פון דער פאן-איראפעאישער באוועגונג, די בארימטע שריפטשטעלער יאקאב וואסערמאן און אנדרע מאראא און דער פיהרער פון אייראפעאישע „קולטור-פערבאנד", פירשט קארל אנטאן ראהאן.

גראף ריכארד קודענהאווע-קאלערגי (וויען) שרייבט: די יודען וואלטן מען פאר זייער פאציפיסטישע און אינטערנאציאנאליסטישע איינשטעלונג. דאס איז אבער א נאטירליכער ענטוויקלונגס רעזולטאט פון זייער מצב. זייט 2000 יאהר זענען די יודען עמיגראנטן. זייט דעמאלט זענען די יודען נישט קיין סובייעקט, נאר אביעקט פון מלחמה. א דאנק א מלחמה קענען זיי גארנישט געווינען. זיי קענען בלויז דורך איהר ליידן. קיין שום מלחמה ווערט נישט געפיהרט פאר זייערע אידעאלן, נאר תמיד פאר פרעמדע. די יודען מוזן זייט דורות מקריב זיין דעם קריגס-מולך נישט בלויז זייער געלד, נאר אויך זייער בלוט. מען קען זיך דעריבער נישט וואונדערן, וואס די יודען ווייזן איצט ארויס ווייניג התלהבות פאר'ן קריג און טרעטן ארויס לטובת דעם שלום. עס וואלט אבער געווען אן עוולה פארצוואורפן יודען פחדנות. אין משך פון פיל דורות האבן די יודען אין די איבקוויזיציאנישע קאמערן און אויף די שייטער-הויפנס ארויסגעוויזן גענוג מוט, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגן זייערע אידעאלן. אין דעם פונקט בלייבן זיי נישט הינטערשטעליג לגבי קיין שום פאלק. מען מוז די יודען אנערקענען אלס א העלדיש פאלק, מחמת קריג און קאמף זענען צוויי פערשידענע זאכן. די מלחמה איז כלל נישט דאס איינציגע קריטעריום פון מוט. פיל מענשן וואלטן אויסגעקומען פיל לייכטער צו גיין אין קריג איידער פערטיידיגן די אייגענע איבערצייגונגען פנים אל פנים מיט דער אינקוויזיציע.

דער טעכנישער פארטשריט פאר'ן לעצטן מעהר אינטערנאציאנאלע פערשטענדיגונג. א נייע מלחמה בעדראהט אונזער גאנצער ציוויליזאציע. מיר זענען צוגעקומען צו אזא צייט, ווען דער נאציאנאליזם אליין איז שוין נישט גענוג. מיר דארפן האבן פערטיידיגער פון שלום-געדאנק. דערמיט בינדט זיך די גרויסע שליחות פון יודענטום. זייער ריג טעטיג אין אלע נאציאנאלע קולטורן, קען דאס יודענטום זעהר שטארק בייטראגן פאר דער שאפונג פון א נייעם וועלט-געוויסן, אזוי ווי עס האט זיך שוין דורך דעם קריסטענטום אמאל דער וועלט געגעבן א נייעם געוויסן.

יאקאב וואסערמאן שרייבט אין זיין ענטפער אויף דער אנקעטע: היות די גייסטיגע חולאת פון אייראפע איז שוין אזעלכע אזוי וויים, אז דאס פרעדיגן שלום ווערט געהאלטן פאר א חרפה, מוז מען האבן א סך ציוויל מוט, כדי צו פראקלאמירן און שטיצן די שלום-אידעע. איך טו דאס אבער נישט אלס יוד, נאר אלס מענש, אלס אייראפעער, אלס שריפטשטעלער און פעראנטווארטליכער רעפרעזענטאנט פון מיין זאך, דער זאך פון גייסט, דער זאך, וואס ווערט — וואס אנאמת — אויסגעלאכט אין דעם היינט-צו-טאגיגן פראקטישן מיש-מאש. דער פאקט, וואס די יודען זענען, זייט זיי געפינען זיך אין גלות, די ווירקליכע פריעדס-שטעלער צווישן די פעלקער, איז א פועל-יוצא פון זייער גאנצן פאליטישן און סאציאלן מצב. ווער עס קען מיט א גענוג ברייטן און טיפן בליק אריינקוקן אין דעם ענטוויקלונגס-גאנג פון דער געשיכטע, פאר דעם וועט נישט זיין קיין סוד, אז דער יודישער שלום-גייסט האט אין א ביז-איצט נישט-אויסגעפארשטער מאס ביי'געטראגן צו דער רעלאטיווער קולטור-פארמען פון מערב. איך זאג נישט צו זאגן, צי די שטעלונג פון יודען וואלט געווען די זעלבע, ווען יודען וואלטן, צוגלייך מיט אלע פעלקער, געוועזן קאנצענטרירט אין זייער מלוכה און וואלטן, אזוי ווי אלע אנדערע פעלקער, זיך געפונען אונטער דער דיקטאטור פון זייער מלוכה שאפט.

דער פירשט קארל אנטאן ראהאן שרייבט צום אנדערן: אין זיין ענטפער אויף דער אנקעטע: עס איז קיין ספק נישט, אז דאס יודענטום האט אויסגעאיבט א בעדייטנדן איינפלוס אויף דער אייראפעאישער קולטור. שוין נישט רעדנדיג וועגן איינער פון די שטארקסטע וואורצלען פון אונזער גייסטיגן לעבן — דער רעליגיע — האט דאס יודענטום געלעגט זיין שטעמפל אויף די כמעט-אלע מאדערנע קולטור-פארמען. טאקע דער אינקוויזיציע אין די רדיפות איז עס אזוי געווען שוין אין מיטלאלטער, און אין זיין גאנצן אומפאנג האט זיך דער דאזיגער פאקט אונטערשטראכן אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאהרהונדערט, ווען די בירגערליכע פרייהייט האט ערלויבט אנטוויקלען די ברייטסטע קולטורעלע און סאציאלע טעטיגקייט. דער דאזיגער אויפשוואונג האט אין רעוואלטאט געבראכט בעדייטנדע ערפאלגן מיט א פאראלעל בעוואוסטזיין דערוגסווערטע גייכער אריינדרינגונג אין מאדערנעם מעכאניזם פון אונזער קולטור-לעבן. דער יודישער גייסט איז מיט א בעזונדער קראפט געקומען צום אויסדרוק אין די געביטן, אין וועלכע עס האבן זיך געפאדערט דיאלעקטישע פארמען פון דענקען. דער דאזיגער פראצעס האט אויסגעווירקט א קאנטר-אקציע, וואס נעהמט אפטמאל אן פארמען, לגבי וועלכע עס איז שווער זיך אפצוגעבן בעווארענישן. דער דאזיגער קאנפליקט ווערט פערשארפט מחמת דער נאטירליכער טענדענץ פון אייראפעאישן יודענטום צום נישט-דערשאצן געוויסע קאנפליקטן צווישן די אייראפעאישע פעלקער, ווי אויך מחמת דעם גלויבן פון יודען אין דער מעגליכקייט צו לעזן אלע פראבלעמען דורך א ראציאנאליסטישע קאנסטרוקציעס און מיט דער הילף פון שטארקע פראפאגאנדע-מיטלען. ווער עס וועט נעהמען אין אכט, אז אין טיפסטן מהות האנדלט זיך וועגן א קאנפליקט צווישן אינדיווידואליזאציע און טיפיזאציע, וועגן א שטרייט ארום די טרייב-קרעפטן פון דער ציוויליזאציע, דער וועט פערשטעהן, אז די יודען-פראגע איז א טיף-טראגיש פראבלעם, א פראבלעם, וואס איז עלול צו דערברענגען צו קאטאסטראפאלע אויסברוכן, אויב עס וועט דורך ביידע צדדים נישט בעהאנדעלט ווערן מייסטערהאפט.

אנדרע מארוא (פאריז) שרייבט: איך גלויב, אז די ראל פון די יודען אויף דער וועלט לאזט זיך רעדוצירן צו דער ראל פון שלום-פערטיידיגונג. דאס יודישע פאלק האט פיל דורכגעליטן. דאס העלפט איהם צו פערשטעהן די ליידן פון אנדערע. דער אנטיסעמיטיזם בעטראכט איך אלס איינע פון די נידעריגסטע ליידנשאפטן. איך בין פולשטענדיג מסכים מיט דער מיינונג, אז דער אנטיסעמיטיזם איז דער סאציאליזם פון נארים.



געוו. קאנצלער פאפען האלט א רעדע, בעת די יערליכע פאטריאטישע דעמאנסטראציע אין בערלין.

ראדיא-פראגראם

מיטוואך, דעם 25 יאנואר 1933

11.40 פרעסע-איבערזיכט. 11,50 מעטעא-ראלאגישער קאמוניקאט. 11,58 צייט-סיגנאל. 12 05 טאג-פראגראם. 12,10 גראמאפאן. 1,20 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 3,10 עקספארט-קאמוניקאט. 3,15 ווירטשאפטליכער קאמוניקאט. 3 30 סקויפען-כראניק. 3,35 פראגראם פאר קינדער. 4,00 גראמאפאן. 4.40 רעפעראט. 5,00 גראמאפאן, רעפעראט. 6,00 מוזיק. פעליעטאן. 7.00 פערשידענעס. 7,20 קאמוניקאט פון דער לאדזשער האנדעלס-קאמער. 7 30 פעליעטאן. 7,45 ראדיא-פרעסע. 8,00 קאנצערט. 8 50 ספארט. 9,00 קאנצערט. 10.00 אויריציע. 10,15 לידער; קאנצערט. 10,40 גראמאפאן. 10,55 קאמוניקאטן. 11,00 טאנץ-מוזיק.

אין אויסלאנד

4,30 דאווענטרי — סימפ. קאנצערט. 7.45 ציריך — אפערע. 9,15 דאווענטרי — סימפאנ. קאנצערט מיט'ן אנסאמבל פון הובערמאנ'ען. 10,00 פאריז — קאנצערט.

ארטאפעדישער אנשטאלט

פראטעזן, גארסעטן, ארטאפעדישע אפאראטן אלער ארט. לייכטע פלאטפוס איינלאגן געגן פוס-שמערצן פלס נאך גיפס-אבדרוקס.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פיעטריקאווער 119, טעל. 281-81.

היינט און פאלג. טעג!

שעהנער און מעלאדישער פילם א. נ.:

הערצער-קאמאנדא

„Liebeskommando"

אין די הויפט-ראלען:

Gustaw Froehlich

און Dolly Haas

פריילעכער רעווי פון ליבע און געזאנג, געשאפן אויפ'ן גרונד פון מיליטערישן לעבן.

אנהויב אין נעוו. טעג 4.30 נאכמיטאג, שבת און זונטאג — 12 א זייגער בייטאג פערקלענערטע פרייזן פון די פלעצער. הנחה-בילעטן גילטיג אהן בעגרענצונגען. דער זאל איז שטארק בעהייצט.

נעקסטער פראגראם: „מאטא הארי"

ערב דער מכבי'הדע

פיבערהאפטע הכנות אין זאקאפאנע

די לעצטע טעג פאר דער מכבי'אדע אין זאקאפאנע שטעהט אונטער'ן צייכן פון א פיבערהאפטער צוגרייטונג. די ביורא פון אויספיהר-קאמיטעט וועלכער אמטירט איצט אין זאקאפאנע אין כעניאסט „עלדאראדא" ווערט בעלאגערט מיט אנמעלדונגען פון טוריסטן פון פוילן און אויסלאנד. סוף וואך ווערן שוין דערווארט די ספארטלער פון אויסלאנד, וועלכע וועלן גלייך אנהויבן טרענירן. גלייכצייטיג וועלן אנהויבן טרענירן די פוילישע מאנשאפטן.

אלע אפראגעס און אינפארמאציעס דארפן צוגעשיקט ווערן צום מכביאדע קאמיטעט אין זאקאפאנע אין פענסיאנאט „עלדאראדא".

פרייזען פון בילעטען

אויף צו בעזוכן די ספארט-אימפרעזעס אויף דער מכבי'אדע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פאלגענדע פרייזן פון די בילעטן: א בילעט אויף אלע ספארט-אימפרעזעס א רישטאלט-פרייז 20 זל. אן איינמאליגער בילעט צו די האקעי-קאמפן — 3 זל.; א בילעט צום שפרינג-קאנקורס — 3 זל.; אן איינגאנג-בילעט ביים פערטיילן די פרייזן — 2 זל.; איינגאנג-בילעט אויפ'ן ראט — 6 זל.; טוריסטן, מיטגלידער פון מכבי-פערבאנד אין פוילן, וועלן בעקומען אומזיסטע איינגאנג-בילעטן אויף אלע אימפרעזעס.

די שליטעל-רעפרעזענטאנץ

די פוילישע שליטעל-רעפרעזענטאנץ אויף דער מכבי'אדע, איז בעשטעטיגט געוואָרן אין פאלגענדן צוזאמענשטעל: מאנגעל, שטיל, פיוואק, מיקענבירון (זאקאפאנע), פרל. ווענקער, ענקער, שענבערג (קריניצע).

דייטשע סקי-דרוזשינע

די סקי-דרוזשינע פון דייטשלאנד בעשטעהט פון 17 סקי-פאהרער, וועלכע קומען שוין די טעג אן קיין זאקאפאנע.

18 קילאמעטער-לויף: מיקענבירון, ווארענהאופט, אלפוס, שארפער, שיפעלגרין, בליי, ווייס, ערדמאן (זאקאפאנע), קאנענגיסער, פריי, זילבער (נאווי טארג), ווינער, ראבינזאן (ביליץ), דאטנער (זשיוויעץ).

8 קילאמעטער-לויף פאר פרויען: פרייליינס שווארצבארד, אבערלענדער, שטראהל (זאקאפאנע), רייכשייד (נאווי-טארג), שענפעלד, מאנדעלבוים (קראקא), שניידער, ווייס (ביליץ), ענקער (קריניץ), פרענקעל (זשיוויעץ).

סלאלאם: שארפער, בליי, מיקענבירון, אבערלענדער, שטראהל (זאקאפאנע), פרעסער, ניימאן, פיילער, ברייטבארד, בוכנער (ביליץ), קאץ, שענפעלד, לאנדמאן, דאטנער, עהרליך, ד"ר שינעל (קראקא).

שטאפעט 5 x 10 קילאמעטער: מיקענבירון, ווארענהאופט, אבערלענדער, שארפער, שיפעלגרין, ערדמאן, בליי I, בליי II, אלפוס, ווייס, שטראהל (זאקאפאנע), דאטנער (זשיוויעץ), קאנענגיסער, פריי, זילבער (נאווי-טארג), ווינער, ראבינזאן (ביליץ), קאץ, לאנדמאן, שענפעלד (קראקא).

שטאפעט 3 x 5 קילאמעטער פאר פרויען: שווארצבארד, אבערלענדער, שטראהל (זאקאפאנע), פרענקעל (זשיוויעץ), שניידער, ווייס (ביליץ), שענפעלד, מאנדעלבוים (קראקא), ענקער (קריניץ), רייכשייד (נאווי-טארג).

12 קילאמעטער-לויף פאר סעניארען: פיילער, אינזש. אימערגליק, ד"ר שניידער (ביליץ), גאלדהיבער (זאקאפאנע), לערמער, ד"ר ספירא, ד"ר לאנדוי, ד"ר שינאגעל (קראקא).

אונגארנס וועלט-מייסטער קומט צו דער „מכבי'הדע"

מיר האבן שוין מיטגעטיילט, אז דער „מכבי"-פערבאנד אין אונגארן שיקט ארויס קיין זאקאפאנע א שטארקע מאנשאפט, אין וועלכער ס'געפינען זיך עטלעכע באראטען לויפער איינער פון די שטארקסטע פונקטן אין דער אונגארישער מאנשאפט איז דער אונגארישער וועלט-מייסטער אין שפרינגען, טיבאר רייך. רייך וועט סטארטירן אויף דער מכבי'אדע אין קאמבינירטן וועט-לויף און אין שפרינגען-קאנקורס.

אלע ווייסן מיר:

נור א גוט ווערק און א גענ'אלער ארטיסט האט גרויס ערפאלג.

דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואס אין טעאטער „סקאלא" איז אלע טאג געפעקט מיט'ן שענסטן עולם — אויף די גאסטשפילן פון

ד"ר פאול באראטאוו

היינט, 9 אוונט

„דוד גאלדער"

דאס איז דער רעקארד פון ערפאלג, וועלכער איז נאך ביז היינט נישט באטירט געווארן.

מארגן, דאנערשטאג, 9 אין אוונט פאפול. פארשט. פון 60 גר. ביז 2.20 זל.

„דער פאטער"

די יודישע רעפרעזענטאנץ פון פוילען צו דער „מכבי'הדע" אין זאקאפאנע

נאך די נארטען-עלימינאציעס איז פעסטגעשטעלט געווארן די רעפרעזענטאנץ פון פוילישן „מכבי"-פערבאנד אויף דער „מכבי'הדע" אין זאקאפאנע.

לאָדז.
25 יאַנואַר 1933

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז.
25 יאַנואַר 1933

דער קאַמף

אַרום דער רעדוקציע פון דער אַרבייטס-צייט

עס האָט זיך געענדיקט די גענעראַל-דעבאַטע איבער דער פראַגע וועגן פאַרקלענערן די אַרבייטס-צייט אויף דער ספּעציעלער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין גענף לויט דער איניציאַטיוו פון דער איטאַליענישער רעגירונג. אין דער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך פאַרשטייער פון די אַרבייטער, פון די אונטערנעמער און פון די רעגירונגען. די דעבאַטע האָט ווי פאַר דער אַטמאָספערע פון גענף, וואו מען באַמיט זיך שטענדיק אויסצומיידן קאַנטיגע-ווינקלען, געטראָגן זעהר אַ שטורמישן און ליידנשאַפטליכן כאַראַקטער און האָט עטליכע מאָל געבראַכט צו גאַנץ שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן די פאַרשטייער פון די אַרבייטער און פון די אונטערנעמער. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די דעבאַטע האָט געדויערט, האָט זיך געפיהלט די גרויסע איבערגעוויכט פון די אַרבייטער. אין דער צייט, ווען די פאַרשטייער פון די אַרבייטער האָבן אָנגעוויזן פּאָזיטיווע אופנים און מיטלען פון באַקעמפן דעם קריזיס און די אַרבייטסלאָזיגקייט, האָבן די פאַרשטייער פון די אינדוסטריעלער, אַרויסטרעטענדיג געגען די טעזיסן פון די אַרבייטער, נישט געקאָנט אָנווייזן קיין שום מיטלען אַרויסצוגעהן פון קריזיס. דער איינציגער טעזיס פון די אינדוסטריעלער איז געווען: מיר זענען געגען רעדוצירן די אַרבייטס-צייט אָהן אַ פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרקלענערונג פון די אַרבייטס-לוינען, ווייל דאָס וועט העכערן די קאָסטן פון דער אַרבייט. די פּרייזן וועלן מוזן שטייגן און דאָס וועט ווידער פאַרשאַרפן דעם קריזיס. וואָס נוגע דעם קריזיס גופא און דער אַרבייטסלאָזיגקייט, דאַרף מען אָפּוואַרטן ביז די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז נישט אָנגעלאַנגט פון מענשען, נאָר פון העכערע כוחות, וועט אַליין נישט פאַראיבערגעהן.

די פאַרשטייער פון די רעגירונגען, וועלכע רעצידירן סוף כל-סוף אין די אַלע פראַגען, האָבן ביי דער אָפּשטימונג פון די פאַרשלאָגן פאַרנומען אַ נישט דעצידירנדע שטעלונג. בלויז די פאַרשטייער פון די רעגירונגען פון פראַנקרייך, בעלגיען, האָלאַנד, טשילי, דייטשלאַנד און איטאַליען האָבן אין דעם לעצטן טאָג אַריינגעטראָגן אַן אונקלאָרע רעזאָלוציע. אויסערליך שטעהט די רעזאָלוציע אויף דער זייט פון די אַרבייטער, ד. ה. זי זאָגט זיך אַרויס פאַר דער רעדוקציע פון דער אַרבייטס-צייט. די רעזאָלוציע, וועלכע איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך די פאַרשטייער פון אַט די רעגירונגען, לויטעט:

אויסהערענדיג די אַרגומענטן פאַר און געגען דער פאַרקלענערונג פון דער אַרבייטסצייט, איז די קאָנפערענץ געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די רעדוקציע פון דער אַרבייטס-צייט איז איינס פון די מיטלען, וואָס מאַכן מעגליך צו פאַרקלענערן די קאַטאַסטראָפע פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט. די קאָנפערענץ באַשטימט צו אונטערזוכן דעם פאַרשלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבייטס-ביוראָ, כדי צו ברענגען צו דער אַפּשליסונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענץ וועגן פאַרקלענערן די אַרבייטסצייט און דערביי זאָל ווי ווייט מעגליך איינגעהאַלטן ווערן דער לעבענס-ניוואָ פון די אַרבייטער.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער פאָרמאַליסטיק פון גענף, דער קאָן גאַנץ לייכט זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ מין רעזאָלוציע איז צו גאָרנישט מתחייב. ווייל ווען אפילו עס וואָלט אויף דער נאָהענטסטער אַרבייטס-קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן די קאָנווענץ וועגן רעדוצירן די אַרבייטס-צייט, קאָן איהר אַריינטרעטן אין לעבן געמאַכט ווערן אָפּהענגיג פון אַזויפיל באַדינגונגען, אַז זי וועט קיינמאָל נישט ראַטיפיצירט ווערן דורך די רעגירונגען, פּונקט אַזוי ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט דער וואַשינגטאָנער קאָנווענץ וועגן דעם 8-שעה'דיגן אַרבייטס-טאָג. אָדער מיט דער קאָנווענץ וועגן רעדוצירן די אַרבייטסצייט פון די בערג-אַרבייטער, וועלכע איז שוין אייגענטליך אָנגענומען, אָבער נאָך נישט ראַטיפיצירט.

די רעזאָלוציע, וועגן וועלכער מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט, איז נישט מעהר ווי אַ רעוועראַנס פון די דערמאָנטע רעגירונגען אויפ'ן אַדרעס פון די אַרבייטער. אַ באַווייז קאָן דינען דער אינצידענט מיט דעם פאַרשטייער פון פראַנקרייך, וועלכער האָט אין זיין רעדע זיך אַרויסגעזאָגט אומבאַשטימט געגען דער רעדוקציע פון דער אַרבייטס-צייט און ערשט אַ דאַנק דעם פּראָטעסט פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט ער באַקומען דעם אויפטראָג די רעזאָלוציע אונטערצושרייבן.

די רעזאָלוציע, וועלכע איז פאָרגעלעגט בע-וואָרן דורך די דערמאָנטע רעגירונגען, האָבן זיך די פאַרשטייער פון די אַרבייטער בעמיהט צו ענדערן אין דעם זין, עס זאָל בולט פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די אַרבייטס-צייט מוז פאַרקלענערט ווערן ביז פערציג שעה אַ וואָך און אַז די פאַרלענגערטע צייט אַרבייט מוז אָנגעווענדעט ווערן צו אַלע אַרבייטער, אינטעלעקטועלע און פיזישע, אין דער אינדוסטריע, אין האַנדעל און אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווי אויך, אַז די רעדוקציע פון דער אַרבייטס-צייט טאָר אין קיין פאַל נישט אַרויסרופן קיין רעדוקציע פון די לוינען און פענסיעס. דאָך קאָן מען שוין איצט פעסטשטעלן, אַז די פאַרשלאָגן פון דער אַרבייטער-גרופּע וועלן דורך דער מעהרהייט פאַרשטייער פון די רעגירונגען און אונטערנעהמער אָפּגעוואָרפן ווערן און אָנגענומען וועט ווערן די רעזאָלוציע, וועלכע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך די פאַרשטייער פון די אויבנדערמאָנטע רעגירונגען.

די מענשהייט געהט צו אַ תהום

ערנסטע וואָרנונג פון געוו. פראַנצויזישן פּרעמיער קאַיאָ

איין עטליכע גרויסע אייראָפּעאישע בלעטער איז די טעג געווען אָפּגעדרוקט אַ זעהר אינטערעסאַנטער אַרטיקעל פון געוו. פראַנצויזישן פּרעמיער מיניסטער קאַיאָ וועגן איצטיגע וועלט-קריזיס.

אין מיין לעבן, שרייבט קאַיאָ, האָב איך פאָרויסגעזאָגט דריי גרויסע היסטאָרישע געשעהענישן. אין יאָהר 1911 האָב איך פאָרויסגעזאָגט אַז מיר געפינען זיך אויפ'ן וועג צום קריג. אין יאָהר 1917 האָב איך געזאָגט, אַז אויב עס וועט באַלד נישט געשלאָסן ווערן שלום, וועט אייראָפּע ליידן געוואַלדיגע ערשיטערונגען, גאַנץ אומבאַהעלטע דערפון, ווער עס ווייס זינגען. אין יאָהר 1924 בין איך אַרויסגעטראָטן מיט אַקטיקלען, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט אויסצובעסערן די פעהלער פון שלום. און איצט מאַך איך דעם פערטן און ערנסטסטן פאָראויסזאָג:

אויב מיר וועלן נישט אָנווענדן אַלע אונזערע כוחות און אונזער גאַנצן פעסטשטאַנד אין איין ריכטונג פון איין ציל, דאַן וועט די ציוויליזאַציע פון דער גאַנצער מענשהייט צושטערט ווערן און מיר וועלן זיך אומקעהרן צו די צייטן פון באַרבאַרישקייט.

אייראָפּע לעבט איצט איבער אַ קריזיס, וועלכן מען האָט נישט געקאָנט פאָרויסזעהן, נישט באַגרענעצן, נישט ליקווידירן, נישט אויסמיידן, פון פעלקער, וועלכע האָבן ערפונדן מאַשינען, וואָלט מען געקאָנט ערוואַרטן, אַז זיי וועלן קאָנען אָרגאַניזירן זייער ווירטשאַפט, אַזוי אַז דער פּראָגרעס זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פולן כאַאָס. צי האָט מען געקאָנט ערוואַרטן ביים אָנהויב פון קריג, אַז די קלוגסטע מענשן וועלן נישט קאָנען ערקלערן די סיבות פון קריזיס. צי רופט מען נישט צונויף אין דער צייט פון אַנערקענטע די בעסטע דאָקטוירים און מען האָט נישט זייערע עצות? צי וואָלט נישט געווען לאָגיש אַ געמיינזאַמער אַרויסטריט פון אַלע פיהרער פון אייראָפּע, כדי גובר צו זיין דעם קריזיס?

אָבער אַזאַ זאַך האָט נישט פּאַסירט. די מענשהייט האָט געלאָזט דער אַרבייטסלאָזיגקייט וואַקסן ביז צו דער העכסטער מדרגה און איצט שטיין פאַר די געשלאָסענע טירען פון די פאַבריקען אָהן אַ שיעור מענשן און ווייסן אַליין נישט וואָס צו טון, כדי אַרויסצוקריגן זיך פון דעם אומגליק, וואָס איז אויף זיי געקומען. די פיהרער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר הילפלאָז און דאָס איז ערגער, אידער ווען זיי וואָלטן געווען פאַרברעכער.

קאַיאָ קומט צום אויספיהר, אַז די סיבה פון אַלע אומגליקן ליגט אין דעם, וואָס עס איז נישט ריכטיג פאַרשטאַנען געוואָרן די גרויסע ליבעראַלע דאָקטרין פון ניינצעהנטן יאָהרהונדערט. די דאָזיגע דאָקטרין איז פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַן אַנטוגנג צו אונאָרדנונג און דאָס ווידער האָט געבראַכט צו כאַאָס, גאַנץ ענאָל — פון ראַסען אָרעמער פון קלאַסען.

מיר ליידן, שרייבט קאַיאָ, אין מאַנגעל פון פיהרער, אין פערזענליכקייטן, וואָס זאָלן ווירקליך פאַרדינען זייערע גרויסע נעמען, וועלכע זאָלן פאַרשטעהן די מיסיע, וואָס ליגט אויף זיי און זאָלן האָבן דעם מוט די מיסיע אויסצופיהרן. אַמאָל זענען געווען גרויסע לעהרער און פראַנציסקאַנער, נאָך וועלכע עס זענען נאָכגעגאַנגען גאַנצע דורות. איצט זעהען אַזעלכע נישטאָ. עס פעהלן אונז קעמפער פאַר אַלגעמיינע אינטערעסן. דאָס פעהלט זיך צו גאַנץ אייראָפּע און איך טרעט איצט אַרויס מיט מיין פערטער וואָרנונג: מיר געהען דירעקט צו אַ תהום.

די מענשהייט, האַלט קאַיאָ, דאַרף געהן אויף נייע וועגן, אויב זי וויל נישט אינגאַנצן אונטערגעהן.

„אַקציעז-געזעלשאַפט פאַר גאָטס וואָרט"

די קאַריערע פון עמע מאַקפערסאָן, וועלכע האָט געגרינדעט אין אַמעריקע אַ רעליגיעזע סעקטע

פון לאָס-אַנדזשעלעס טיילט מען מיט, אַז עמע מאַק-פערסאָן, די אָרגאַניזאַטאָרין פון דער „אַקציעז-געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן גאָטס וואָרט" האַלט ביים שטאַרבן.

קיין לאָס-אַנדזשעלעס איז עמע מאַק-פערסאָן געקומען אָהן איין צענט אין טאַש; אין משך פון דריי יאָהר האָט זי אָנגעזאַמעלט אַ קאַפּיטאַל פון 100.000 דאָלאַר און אויסגעבויט אַ קירכע פאַר איהר סעקטע, וואָס קאָן פאַרגלייכט ווערן מיט די אָנגעזעהענסטע אויפן קאָנטינענט, און האָט אין דער קירכע אַריינגעפיהרט פאַרשידענע מאָדערנע איינריכטונגען, ווי אויך אַן אייגענע ראַדיאָ-סטאַנציע.

דאָס אַלץ האָט עמע איינגעאָרדנט מיט דער הילף פון דער „אַקציען-געזעלשאַפט". עמע האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט בלויז פּרעדיגען בעת וועלכען די גלויביגע דאַרפן זיצן און צוהערן זיך אין משך פון אַ פּאָר שעה, קען מען קיין נייע צוהערער נישט צוציהען, און זי האָט איינגעאָרדנט אַנדערש איהר קירכע. לעבן אַלטאַר האָט מען אין דער קירכע אַרויסגעפיהרט אַ קינסטליך טייכעל, א „ירדן", וואו זי האָט געטויפט די נייע גלויביגע. מען פלעגט זינגען די הימנען מיט כאָר, נאָר אויף די מאָטיוון פון די מאָדערנסטע אָפּערעטקעס. די כאָריסטקעס פלעגן זיך פאַרשטעלן אין קליידער פון מלאכים, אין בלענדענד ווייסע קליידער, מיט פליגלען, מיט מעטאַלענע שטראַהלען איבערן קאָפּ. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די כאָריסטקעס זענען דער-צו אויך געווען יונג און שיין. מען האָט אין כאָר געוועהלט בלויז פּאַסענדע מיידלען.

פינף יאָהר נאָכדעם, ווי עמע האָט געעפנט איהר קירכע איז זי שוין געווען אַ מיליאָנערקע אפילו אויפ'ן אַמעריקאַנער שטייגער. ווי אַרויסצובעקומען געלד פון איהרע אָנהענגער האָט עמע פאַרשטאַנען אַזוי, ווי קיין שום אַנדערער וואָלט עס נישט פאַרשטאַנען צו מאַכען. איינמאָל האָט זי באַמערקט, אַז אין די פּושקעס הויבען אָן אַריינצופאַלן קליינע, נאָר קליינע מטבעות, די איינקונפטן האָבן זיך שטאַרק פאַרקלענערט, איז זי נעפאַלן אויף אַ שכל. ווען די גלויביגע האָבן איינמאָל פאַרלאָזט די קירכע, האָבן זיי באַמערקט אויסגעצויגן שטריק איבער דער גאַנצער קירכע און אויף די שטריק הילצערנע קלאַמערלעך. מיט וועלכע מען פאַרקלאַמט וועש, כדי דער ווינט זאָל די וועש נישט אַראָפּטראָגן. נאָך דעם פּרעדיגט האָט עמע זיך געווענדעט צו איהרע גלויביגע: העננט אייער וועש אויף די שטריק... די אָנוועזענדע האָבן פאַרשטאַנען דעם רמז, צומינדעסטען האָט מען געקאָנט אויפהענגען אַ דאָלאַר-פּאַפּירעל, קיין קופּערנע, אָדער אַנדערע מטבעות, האָט מען אויף די שטריק נישט געקאָנט אַרויפהענגען.

ווען די פּאָפּולאַריטעט פון דער „פּרעדיגערין פון גאָטס וואָרט" איז אָנגעוואַקסן געוואָרן, האָט זי פאַרשטאַנען צו דערמאַנען אין זיך דעם פולם אויך אויף אַ ריין אַמעריקאַנישן אופן. איינמאָל איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן. ס'האָט וועגן דעם געקלינגען אין אַלע צייטונגען. ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די גאַנצע פּאָליציי אויף די פיס. ענדליך האָט מען זי געפונען ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקעל. זי האָט דערצעהלט אַ גאַנצע מעשה וועגן דעם, ווי עפּעס מעקסיקאַנער האָבן זי אַוועקגע-רויבט, פאַרפיהרט און ווי זי איז על פּי נס ניצול געוואָרן, אַנטלאָפן פון די רויבער, געגאַנגען צו פיס איבער וועלדער און וויסטעס...

אין אַ צייט אַרום האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז בעת עמע'ס אָפּוועזנהייט איז זי גאָר געווען ערגיץ מיט איהר סעקרעטאַר. דער סקאַנדאַל האָט זיך געענדיגט מיט אַ פּראָצעס, וואו עמע איז ריינגעוואַשן געוואָרן. דער ריכטער, זאָגט מען אָבער, איז איינער פון עמע'ס אַ העננגער און דער געוו. יוריסקאָנסולט פון איהרע געשעפטן. אַ חוץ דער דאָזיגער סקאַנדאַליעזער געשיכטע האָט איינגע מאָל קאָמפּראָמיטירט די „פּרעדיגערין" איהר אייגענע מוטער, וועלכע האָט זי אַ פּאָר מאָל געפּאַטשט עפענטליך: זי האַלט איבעריהויפּט נישט פון דער „טעטיגקייט" פון איהר טאָכטער.

איצט ליגט אָט די דאָזיגע פרוי, וואָס אונטערשטייערט זיך נישט מיט קיין בעזונדערע טאַלאַנטן, אַ חוץ אוואַנטוריסטישע, און וועלכע האָט באַוויזן אַזוי צו לאָזן רעדן וועגן זיך אַ גאַנצע וועלט, אויפ'ן טויטן בעט.

ווי אַרדנט מען זיך איין און מען לעבט אין ביראָ-בידזשאַן

בריף פון ווילנער לאַנדסלייט צו זייערע קרובים

אין „ווילנער טאָג" דרוקן זיך אינטערעסאַנטע בריף פון געוו. ווילנער יודישע יונגעלייט, וועלכע זענען געפאָהרען קיין ביראָ-בידזשאַן און זיך דאָרט איינגעאָרדנט. מיר ברענגען דאָ פון די בריף עטליכע בעזונדערס כאַראַקטעריסטישע שטעלען.

ביראָ-בירזשאַן.

...מען איז אונז געקומען איבערנעהמען ביים באַהן און מען האָט אונז באַזאָרגט וואו צו זיין. דאָס איז אַ מין האָטעל פאַר די, וועלכע קומען צופאָהרען. און מען האָט אונז באַזאָרגט זייער גוט מיט עסען. מיר האָבן געגעסן הוהן, פיש, וואורשט, פּוטער. בכלל אַלץ ווי ביי אונז. אגב וועל איך אייך פאַרשטעלן אַ ביסעל טיכאָנקאַיאַ (ביראָ-בירזשאַן) גופא. ס'איז אַ שטעטעל, נאָר זייער ווייט נישט ענליך צו אונזערס אַ שטעטעל. זי איז זייער פונאַנדערגעוואָרפן, אַלץ בויט זיך, אַלע אַרבייטען. אין גאַס זעהט מען דערפאַר זעהר ווייניג מענשן. ס'איז ווינטער, נאָר ס'איז פשוט אַ קאָנטראַסט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט. אויסגעצייכנט גוטע וועטערן ביי 20—25 גראַד. טרוקען, שניי גיים זעהר ווייניג, אַן אויסערגעוועהנליך שעהנע געגענט. אַרום בערג, וואָס דערגרייכען די וואָלקנס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום ווי מיר זענען געקומען, האָט מען פאַר אונז איינגעאָרדנט אַ גלעזעל טיי. מען האָט גערעדט. דערנאָך האָבען מיר פאַרבראַכט גאַנץ געמיטלעך און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיגט. מען האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען איינאָרדענען זיך. די הויפּט-פראַגע איז דאָ וועגען אַ צימער. מען האָט מיך איינגעאָרדנט אין אַ קינדער-גאָרטען פאַר די איבערוואַכערער. צי איך וועל בלייבען איבייטען איז נישט קלאָר, נישט ווייל כ'קען זיך נישט צופּאַסען, נאָר כ'האָב אויסגעזוכט אויף עפּעס אַנדערש. מען ראָט מיך זיך לערנען. נאָר אין דעם זין איז נאָך נישט קלאָר. ס'איז זעהר מעגליך, אַז כ'וועל עס טון. מען גיט מיר אַ סטיפּענדיע אין אַלץ וואָס איך דאַרף. איך דאַרף זיך נאָך וועגען דעם נאָכמאָל אַדורכשמועסען, ווייל מען דאַרף גיין 3 יאָהר. דאָס איז אַ פּעדאַגאָגישער טעכניקום. דערנאָך קען איך שטודירען.

מיט'ן עסען איז מיר ספּעציעל גוט, ווייל כ'עס מיט די קינדער צוזאַמען און כ'באַקום נאָך אַ פּאַיאָק. וואָליקעס וואָלט איך געקענט נישט נעמען, ווייל מען קען עס דאָ קריגען. דערווייל גיי איך דאָ אין באַטען (דעם בריף שרייבט אַ מיידעל). בכלל אַנגעטאָן נאָרמאַל ווי אין ווילנא און ס'איז מיר נישט קאַלט. די בעסטע צייט איז דאָ איי-געגנטליך דער ווינטער. איך האָב דאָ גערעדט מיט בב-ה פון דער ריער גרופּע. זיי האָבען מיר פאַר-געלייגט גיין מיט זיי אויף אויספלוגען. כ'וועל זיך אַקערשט איינאָרדענען, דערנאָך וועלען מיר שוין זעהען. ס'דאַרף זיין גוט. מען אַרבייט דאָ 5 טעג, דער 6 טער איז אַ רוה-טאָג וואָס פאַר א טאָג איז היינט — ווייס איך נישט.

* * *

ביראָ-בידזשאַן.

פון אונזער גרופּע האָבען זיך כמעט אַלע איינגעאָרדנט. די שניידערקעס נעהמען צו 120 רובעל אַ חודש, 8 שעה אַרבייט. די ביוראָ-אַרבייטערינס 150—200 (6 שעה אַרבייט). די ח'ח קריגען פון 250—350 ר. מעהר נישט. דער עלעקטראָטעכניקער קריגט זעהר ווייניג: 108 ר. אַ חודש, ווייל ער קען נאָר פּראַוואָרקעס און קיין מאָטאָרען נישט. איך בין געבליבען אין טיכאָנקאַ

(ווייטער זעה 9-טע זייט)

ר' זאנוויל דער אפיקורוס

(מערקווירדיגע מענשען)

פון ראובן בריינין.

אין מיינע „שטורם און דראנג“ יאהרען, האב איך זיך מיט איהם בעקענט אין מאסקווע מיט עטליכע און פערציג יאהר צוריק.

ר' זאנוועל דער אפיקורס — דאס איז געווען זיין בעקאנטער נאמען צווישען אלע מאסקווער יודען — איז דאן געווען אין די פערציגער יאהרען. א לאנגער, זעהר דארער „דינער“ יוד, א שפיציגער קאפ־שיידעל, כמעט א קאפ פון א רויב־פויגעל; צוויי קליינע וואסערדיגע און שטעכיגע אויגלעך אונטער א הויכען און שמאלען שטערן; אן אויסגע־צויגענער און פלאטשיגער נאז; דינע, בלייליכע ליפען מיט א רויטליכער שיטערער בערדעל — דאס איז געווען זיין פנים. א לאנגע, צעקנייטשטע האלז; לאנגע טרוקענע אַרעמס; געלע, מיט זומער־שפרינקלען־בעדעקטע הענט; ביינערדיגע, אויסגע־קרימטע פינגער און פלאטע פיס — אזוי האט אויס געזעהען זיין גוף.

זיין בעשעפטיגונג איז געווען צו געבען געלד אויף פראצענט, אויף גאר הויכע פראצענטען, וועל־כע ער פלעגט פריהער ארונטערנעהמען, פערזיכער־נדיג דעם קרן מיט אלע מעגליכע פערזיכערונ־גען.

דיינע פראצענט־געשעפטען האט ער געפיהרט מעטאדיש, סיסטעמאטיש, און זאגאר פרינציפיעל. ארויסווייזענדיג דערביי א גרויסע מאס, פון נע־שעך־קעיטניש, ער האט געוואוסט יוען מיט יעמען און ווי צו האנדלען, ריקזיכטסלאז אויסגעדריקט יע־נעם — א גוי אדער א יודען — דעם קאפ א ןאויס געזויגט דעם לעצטען טראפען בלוט, שפילענדיג דערביי די ראלע פון א מענשען־פיינד, פון א דער־ליזער, אין הארצען האט ער געגלויבט אז ער איז עס ווירקליך.

דער אפיקורס־פראצענטניק האט געפיהרט זיי־נע געשעפטען לויט דעם רוסישען געזעץ בוך, שטרענג־אפהיטענדיג אלע פארמאליטעטען וואס דאס געזעץ פאדערט פונ'ם געלד־לייהער, ער האט אבער געוואוסט זיי צו בעהאנדלען דעם געשריבענעם געזעץ, אז ער זאל פולשטענדיג שטימען אין איינקלאנג מיט זיינע אויסגעקליגעלטע העכע־נונגען.

זיינע קרבנות פלעגען אויף איהם אנווענדען דעם שפרוכווארט: „דער מלאך המות שעמט און בלייבט שטענדיג גערעכט“.

ר' זאנוועל דער אפיקורס איז געווען א גרוש. אויף דעם פערטען חודש נאך דער חתונה האט ער זיך געגט. מעהר ווי דריי חדשים האט ער נישט געקאנט אויסהאלטען זיין פערהייראטע לעבען.

מען האט דערצעהלט די פערשידענסטע פיי־קאנטע און קוריאָזע געשיכטעס, וואס האבען איהם געפיהרט צו גט'ן זיך מיט זיין יונגער, שיינער. עס איז נישט בוטיג — און פיליבט אויך נישט אנשטענדיג — דא איבערצודערצעהלען אט די, וואהרשיינליך, ביזוויליג־אויסגעטראכטע געשיכטעס.

אין דער צייט, ווען איך האב זיך בעקענט מיט דעם אפיקורס האט ער געוואוינט איינער אליין אין א קליינער וואוינונג, וואס איז בעשטאנען פון דריי חדרימלעך. מיט די פענסטער צו א שמוציגען הויף. די איינציגע מעבעל־שטיק וואס האבען זיך געפונען אין דעם פראקטישען וואוינונג, זענען געווען: אן איינזאמע בעטעל, א טישעל און א שטול. איבער דער בעטעל זענען געהאנגען צוויי גע־דרוקטע בילדער, איינע פון מענדעלסאנען. די צווייטע פון דושארדאנא ברונא. ארום די אלע הענט אין די דריי חדרים זענען געשטאנען ספרים, דיכט געפאקט אויף אומגעפארבטע הילצערנע פאליצעס, דער גרעסטער טייל פון די ספרים האט געהערט צו דער גאנץ אלטער העברעאישער ליטעראטור — א ירושה פון זיינע זיידעס. די איבעריגע ספרים האבען געהערט צו דער מיטעלאלטערליכער פילאזאפישער ליטעראטור און צו דער השכלה־עפאכע.

זיין גאנצע ביבליאטעק איז בעשטאנען פון באר העברעאישע ספרים, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אויך יקרי־המציאות, די זעלטענסטע עקזעמפלארען. דער איינציגער רוסישער בוך, וועלכער האט זיך געפונען אין זיין וואוינונג איז געווען דער סוואד־זאקאנאוו, דאס געזעץ־בוך.

ווען דער אפיקורס האט מיך אויפגעזוכט כדי צו בעקענען זיך מיט מיר האב איך קיין אהנונג נישט געהאט אז ער איז א פראצענטניק און א גרויסער עושר, איבריגענס האט זעלטען־ווער פון מיין דעמאלסטיגען קרייז געוואוסט אז ר' זאנוועל דער אפיקורס איז א פראצענטניק, זיינע קונדען זענען געווען פון אנ'ענגען קרייז הונדערטע גרויס־קאפי־טאליסטען.

די ערשטע צייט האב איך געזעהן אין דעם אפיקורס נאר א משכיל פון אד"ם הכהנ'ס חדר. זיין ווייגענארטיגע ביבליאטעק האט מיך פיל מעהר איב־טערעסירט אלס זיין אלטמאדישע פערזאן.

בשום אופן האט מען נישט געקאנט פועלן ביי איהם, אז ער זאל לייהען א בוך פון זיין ביב־ליאטעק, ווען אפילו נאר אויף איין נאכט, ער האט מיר אבער דערלויבט צו בענוצען זיינע זעלטענע ספרים אין זיין וואוינונג זעלבסט.

צוליב א געוויסער ליטערארישער ארבייט האב איך געמוזט בענוצען זיין ביבליאטעק דאס האט מיך געפיהרט אין זיין וואוינונג א געוויסע צייט א פאר מאל אין דער וואך. דאס האט מיר געגעבען די מעגליכקייט בעהנטער צו בעקענען זיך מיט'ן אפי־קורס, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען אלס א גרויסער בקי אין דער העברעאישער ליטעראטור.

דער כלומרשטער אפיקורס, דער אַוואַנגעַרדי־פענער אטעאיסט, פלעגט זונטיג־ביינאכטען אנ'איב־ערעסאנטן געשפרעך מיט אימיצען און זיך אויעק שטעלען אין א ווינקעל דאווענען מנחה.

איך האב זיך געמוזט איבערצייגען אז דער אפיקורס היט־אפ דריי מאל אין טאג מיט דיזער גרעסטער פינקטליכקייט, זיינע תפילות בציבור, אדער ביחידות, גיט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער פלעגט חוזק מאכען פון בעזונדערע פיוטים און פון גרויסע אויסדרוקען אפילו אין די תפילות פון די אנשי כנסת הגדולה זעלבסט. ער פלעגט אויך האלטען ווי דער גרעסטער מתנגד אלע אוי־געגומענע תעניתים.

אונטער קיינע בעדינגונגען און אונטער קיינע אומשטענדען האט ער נישט מחלל שבת געווען. קורץ און גוט — דער אפיקורס האט זיך אויפגע־פיהרט אין לעבען לויט דעם שלחן ערוך, ווען ער פלעגט בעמערקען, אז איך קוק אריין אין א גמרא בגילוי ראש (אהן א הוט) פלעגט ער פעריכצערט ווערען.

עס איז מיר דאן בעגרייפליך געווארען פאר־וואס עס־שימולירען איהם די פרומע יודען מיט'ן נאמען „רב“, וועלכען ער האט פעדינט אלס א גרויסער למדן. זיין גע'ירשנ'טע רייכקייט, וועל־כע איז פון זיך זעלבסט געוואקסען פון טאג־צו־טאג, האט פעדעקט און מכפר געווען — טראץ זיין אויסערארדענטליכער קארגשאפט — אויף זיין אפיקורסות.

זיין טרוקענע קאלטע און ראציאנאליסטישע אפיקורסות האט דערגרייכט, לויט איהר ווע ע', דעם פאנטעאיזם פון די אזוי־גערופענע שפינאזיסטען, וועלכע האבען זיך געצויגען אין געהיים צווישען די בית־מדרש־יודען און דעם סוף פונ'ם אכטצענטען יאהרהונדערט.

די אפיקורסות פון ר' זאנוויל'ן האט זיך אויס געדריקט אין דער פארמולע: „גאט איז די נאטור; די נאטור איז גאט“.

מיט א בעזונדער נצחון האט ער מיר אנגע־וויזען אויף א געוויסען פיוט אין דעם מחזור ליום כפור, וואס זיינע גרויסע אותיות, מיט וועלכע עס הויבען זיך אן די ערשטע שורות, מאכען אויס די דריי ווערטער: „יה נקרא טבע“ (דאס הייסט: גאט, וואס רופט זיך די נאטור).

אמאל האט ער מיר געוויזען א געשריבענע תורה פון — ווי ער האט געזאגט האבען — ר' מענדעלע ליובאוויטשער, דעם מחבר פון דעם „צמח צדק“. אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דער אטעאיסטישער געדאנק פון א כופר בעיקר: גאט איז דער מרכז־העולם, דער צענטער פון דער וועלט, וואס דאס מיינט דער מאטעמאטישער פונקט אין א קרייז, פון וועלכען און צו וועלכען עס ציהען זיך די אלע ראדיוסען; דער מאטעמאטישער פונקט עקזיסטירט דאך אבער נישט אין דער ווירקליכקייט נאר אין דער פאנטאזיע.

דער אפיקורס האט געהאט אין זיין ביבליא־טעק אלע ספרים, וועלכע האבען א בעציהונג צו די פערזאנען פון אוריאל אקאסטא און ברוך שפינאזא. די ווערטער וואו זייערע נעמען זענען געדרוקט צו גוטען אדער צו שלעכטען און די שטעלען, וואס האבען אירגענד, וועלכע שייכות צו אט די נעמען, זענען געווען אונטער־געשטראכען מיט רויטען בלייפעדער.

עס איז מיר אויפפאלענד געווען די פאר־זיכטיגע אפגעשלאסענקייט פון ר' זאנוויל'ן פון דער אויסערליכער וועלט. זעלטען ווען ער האט צוגעלאזען צו זיך אין דער וואוינונג, און דאס אויך נאר נאך פערשידענע אויספארשונגען און נאכפארשונגען. ער איז געווען איינגעגלויבט אין זיך, אז אימיצער אדער א גאנצע גרופע מענ־שען, פערפאלגען איהם שטילערהייט.

דער אפיקורס האט זיך איינגעלעבט מיט און אין דער פאנטאזיע, אז געוויסע גלויביגע פאנא־טיקער זוכען אין געהיים מיטלען און וועגען ווי אזוי מען זאל איהם אפרוימען פון דער וועלט, ער האט דירעקט געליטען פון דער פערפאלגונגס־משוגעת.

איהם איז געווען, ווי עס שיינט, אנגענעהם צו דענקען וועגען זיך ווי וועגען א שטארק־געפעהרליכען גייסט.

אין דער ווירקליכקייט אבער האט איהם דער יודישער עולם געהאלטען פאר אנ'ערליכען יוד, וואס האט זיך ליב צו חקירה'ן.

נאכדעם ווי איך בין פארטיג געווארען מיט מיינע נאטיצען אין זיין ביבליאטעק, האב איך זיך אנגעהויבען צו דערווייטערען פון איהם, וועלכער האט מיך פערמאטערט מיט זיינע פוסטע חקירות אום צו בעווייזען מיר, אז די וועלט איז א קדמון.

מיט דער צייט האב איך איהם בישלעכווייז פערגעסען. ריכטיגער געזאגט: איך האב איהם פער־שטופט מיטאנדערע משפילים־בטלנים, אין א באַ בעזונדערע פינסטערער קעמערעל פון מיין זכרון.

* * *

ביי מיין ערשטען בעזוך אין ראטען־פערבאנד אין יאהר 1926, האב איך זיך בעגעגענט אין מאסקווע אין דער גרויסער שוהל, מיט ר' זאנוויל דעם אפיקורס. איך האב איהם, דעם זקן פון אריי־בער אכציג גלייך דערקענט, ער מיך — נישט.

נאכ'ן דאווענען — דאס איז געווען שבת בחמו — האט מיך ארומגערינגעלט דער יודישער עולם. יעדערער האט מיר דערצעהלט, וואס ער האט געהאט אהער וואס ער האט געפונען פאר נויטיג מיר צו דערצעהלען.

אויך דער אמאליגער אפיקורס, וואס איז נאך געווען געזונד אויף אלע חושים, האט זיך דער־שטופט צו מיר אין מיטען רעדעל. בעהמענדיג מיך פאר דעם לאק, האט ער געטענה'ט צו מיר:

— איך הער, אז איהר זייט אנ'אמעריקאנער זשורנאליסט, וועל איך אייך בעטען, אז איהר זאלט, קומענדיג צוריק קיין אמעריקע, מרעיש עולמות זיין וועגען דער אומדערהערטער חוצפה פון אונזערע בעזבאזשניקעס. די גאטלאזע, וועלכע פרי־דיגען עפענטליך אפיקורסות. וואלטען זיי כאטש געווען לומדים, קענער, דענקער, זיי זענען אבער בורים, עם־הארצים, בורדיוקעס! און וואס פער־שטעהען זיי פון אפיקורסות? ניין, אמעריקע טאר דאס נישט פערשווייגען!

דער קארטענשפיל איז איבערגעריסען געווארען

(ערצעהלונג)

פון ראשעל וועפּרינסקי

מאדאם פינקעלבערג איז א פרוי אין די הויכע דרייסיגער יאהרען. אויפ'ן ערשטען בליק זעהט מען, אז זי איז א גאנץ געווענליכע ווייבעל. זי איז א ביסעל אנ'אפגעלאזענע, די הויט פון איהר פנים איז אפגעבליאקעוועט, די אויגען זענען פערלאשען, אהן לעבען. אלע ווייסען, אז פינקעלבערג איז א קראנקע פרוי, ליגט אין בעט, אדער אויף דער קושעטקע. קיין בעזונדערע ווייטאגען האט זי נישט, נאר דער דאקטאר הייסט איהר אלץ רוהען, נישט אנשטרענגען זיך.

לעצטענס האט פרוי פינקעלבערג א ביסעל אויפגעלעבט. א דאנק ליפשיצ'ען, וואס קומט אפט ארויף אין הויז און ברענגט אמאל א ביכעל צום לייענען, ליפשיץ איז פינקעלבערג'ס אנ'אלטער פריינד. זיי האבען זיך יאהרען־לאנג נישט געזעהן. ליפשיץ האט געוואוינט אין אנ'אנדער שטאט. מען רעדט, אז ער האט געהאט א ווייב, און זיי האבען זיך צושיידט. נאר די פינקעלבערגס האבען איהם וועגען דעם גארנישט געפרעגט, און ער האט זיי וועגען דעם נאך גארנישט דערצעהלט. זיי נעמען איהם אויף ווי אנ'אלטען, גוטען פריינד און זיי פרעגען איהם נישט קיין פראגעס.

ליפשיץ קומט זעהר אפט אין הויז. ער ברענגט אמאל די קינדער א מתנה. איהם איז גוט, וואס ער האט וואוהין צו קומען. און די פינקעלבערגס איז גוט, וואס אימיצער קומט צו זיי.

די גאנצע צייט, זינט ליפשיץ איז אנגע־קומען אין שטאט, דרעהט ער זיך ארום אהן בעשעפטיגונג. ער קען זיך נישט צופאסען אין ערגעץ, און ער האט נישט וואס צו טון מיט אזוי פיל לייידיגע צייט. ער דרעהט זיך ארו'ם איבער די גאסען. עס דערעסט איהם שרעקליך ארומצו־דרעהען זיך. דערמאנט ער זיך אן די פינקעל־בערגס, און עס ווערט איהם ווארעם. ער שטעלט זיך פאר א היימישע שטוב, קינדער, א גלאז הייסע טיי, — און ער לאזט זיך גלייך צו די פינקעל־בערגס.

פרוי פינקעלבערג נעמט איהם אויף זעהר ווארעם. טראגט איהם א גלאז טיי, אדער זי ווענדעט זיך צו איהם: „זייט אזוי גוט, ליפשיץ. נעמט אייך אליין א גלאז טיי. דער טשייניק זידט.“ און ליפשיץ געהט אין נעמט זיך אליין א גלאז טיי, און איהם איז גוט פון דער היימיש־קייט. פרוי פינקעלבערג פערהא'ט איהם שוין געוועהנליך ביז איהר מאן קומט אהיים. דאן עסען זיי שוין אינאיינעם. ביים עסען רעדען די קינדער וועגען פאליטישע געשעהענישען און מען אמפערט זיך א ביסעל. נאכ'ן עסען, רופט זיך אפ די פרוי פינקעלבערג א ביסעל אומגעדולדיג: א, קומט לאמיר גיכער שפילען א ביסעל „קארטען“! זי האט ערשט ענטדעקט דעם שפיל. טאקע ערשט נישט לאנג זיך אויסגעלערענט, און זי איז אין דעם פערקארט — א שרעק!

די דריי זעצען זיך אוועק ביים טיש. דאס פעשעל קארטען האט שוין פרוי פינקעלבערג אנ־געגרייט פון פריהער. זיי ווערען אלע דריי ארינ־געצויגען אין שפיל, אזוי ווי מיט א מאגנעט. און אזוי שפילען זיי ביז שפעט אין דער נאכט, ביז פינקעלבערג לייגט דער ערשטער אוועק די קאר־טען. ער מוז מארגען אויפשטעהן פריה. ליפשיץ זאגט א „גוטע נאכט“ און געהט אוועק.

ביי ליפשיצ'ען ווערט די מאטעריעלע לאגע מיט יעדען טאג אלץ ערגער. עס איז אפילו נישטא צוליב וואס צו געהן זוכען א וועלכע עס איז בעשעפטיגונג. ער ווייסט, אז ער וועט איצט גארנישט געפינען. דערפאר געפינט ער זיך אפטער ביי די פינקעלבערג אין הויז. דארטען איז איהם ווארעם און גוט. מען לאזט איהם קיינמאל נישט אוועקגעהן אהן א מאלצייט. אפט בלייבט ער דאר־טען נעכטיגען.

דערפאר פלעגט ער היינטיש נעמען דאס פעשעל קארטען אין האנד, און א קוק טון צו דער פרוי פינקעלבערג: נו, איהר ווילט שפילען?" ביי פרוי פינקעלבערג פלעגען א בליץ טון די אויגען.

געוואונען האט מעהרסטענטיילס פרוי פינ־קעלבערג, ווייל זי האט זיך שטארק ארייגעטאן אין די קארטען, און זי האט אפילו ארויסגעוויזען א בעזונדערע פעהיגקייט אין שפילען. ביי ליפשיצ'ען איז פון אנפאנג דער שפיל געווען אביסעל בע־צוואונגען, נישט מעהר ווי צוליב צו טון. אבער איצט איז ער געווארען אביסעל אנגעצויגען. ער מוז אויך אמאל געווינען, און ער קען געווינען! ס'קען דאך נישט זיין, אז ער זאל זיין אזא שלימזל... און ביסלעכווייז איז ער געווארען זעהר ערנסט ביי די קארטען. מען האט געקענט זעהן, אז עס איז איהם געגאנגען אין לעבען צו געווי־נען א קן.

איז איצט, אז פרוי, פינקעלבערג האט פאר זיך געהאט אזא אמביציעזען געגנער, איז דער שפיל פאר איהר געווארען נאך טויזענד מאל אנ־ציהענדער. די אפגעיועלקטע באקען האבען זיך פערצויגען מיט א לייכטער פארב, די מידע אוי־גען האבען אויפגעגלאנצט מיט א פערשייטען פייער'ל.

איינמאל האט ליפשיץ אויפגעהויבען זיין קאפ פון די קארטען, נאכדעם ווי ער האט ווי־דער פערלוירען, און ער האט א קוק געטון אויף איהר. זי האט אין זיינע אויגען זיך בעוויזען אנ'־אויסדרוק פון איבערראשונג. זי האט אויף איהם גע־קוקט מיט א זיגרייכען, כמעט שעלמישען שמייכעל. ער האט זי נישט דערקענט. ער האט דערפיהלט צום ערשטען מאל די פרוי אין איהר, און גרויסע טראפענס שווייס האבען ארויסגעטאנצט אויף זיין שטערען.

און מאדנע, יענע נאכט האט ער לאנג נישט געקאנט איינשלאפען. ער האט געשמייכעלט צו זיך: אזא מין פערענדערונג אין א פרוי! אזא מין אומרוהע און אומרוהע און מייער, און נאך עפעס, וואס ער האט נישט געוואוסט ווי אנצו־רופען. און נאר ביי די קארטען שפילט דאס אלץ אין איהר ארויס. אין טאג־טעגליכען לעבען איז פערשימעלט, ווי א שטעהענדיג וואסער... עפעס אנ'אומרוהיגקייט האט איהם ארומגענומען.

ער דערמאנט זיך: אנומעלט האבען זיי געשפילט ביז שפעט אין דער נאכט. פרוי פינקעל־בערג איז איינגעשלאפען א מידער, און זיי ביידע האבען פארטגעזעצט זייער שפילען. ליפשיץ איז געווען איינגעשפארט, זי איז געווען ווי אין א פיבער. דאס פנים האט זיך ביי איהר געראיטעלט, די האר זענען געווען האלב פונאנדערגעלאזען, און דאס קלייד האט זיך איהר ארופגעגליטשט ארום האלז און ענטבלויזט א יוגענדליכען אקסעל, א סך יונגער ווי איהר פנים אין דער נאכטיגער שטילקייט האבען זיי זיך פלוצלונג געכאפט, אז זיי זענען אליין. זייערע אויגען האבען זיך אויף איין רגע בעגעגענט און ליפשיץ האט זיך א רויטעל געטון.

יענע נאכט, ווען ליפשיץ איז געלעגען אויף זיין געלעגער, האט ער געפיהלט אזא מין שווערע דריקעניש אויף זיין געמיט. איהם האט זיך גע־וואלט א שפיי טאן: „טפו זאל דאס ווערען!“ און ער איז איינגעשלאפען א שווערער און א ווינדיגער.

אבער אין עטליכע טעג ארום איז ער ווי־דער געווען ביי די פינקעלבערגס, און קוים איז ער אהין געקומען, האט ער ווידער געשפילט אין קארטען מיט איהר ביז שפעט אין דער נאכט. און ס'האט זיך געמאכט, אז זי האט א געהם־געטון א קארט פון טיש, און ער, ליפשיץ, האט געוואלט זעהן, וואס פאר א קארט דאס איז, האט ער א כאפ־געטון איהר האנד. אבער איהר האנד האט זיך שפילעוודיג א דרעה־געטון אויף הינטען, און ער ווייס נישט ביז'ן הייטיגען טאג ווי אזוי זיין האנד האט זיך ארומגעדרעהט ארום איהר טאליע.

זי האט א הילכיגען לאך געטון. איהר לאך האט, אבער, געקלונגען מיט היסטעריקע און א צושראקענער. אפער אנגענעהמער, איבערראשונג.

איהם האט דאס צוטומעלט. דאס בלוט האט איהם, ווי מיט א האמער, א קלאפ געטון אין פנים. ער איז געווארען שטארק בלייך.

דער שפיל האט זיך איבערגעריסען... ליפ־שיץ איז ארויס פון הויז.

Dr. med. H. ŁUBICZ
ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראנקה.
צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32
נעמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אווענד. זונטאג פון 9–11 ביי־טאג

פאר אונזערע קינדער

וועכענטליכע ביילאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

י. ה. ראדאשיצקי.

ווינטער

ס'שנייט.
א זאווערוכע פאלט און פאלט.
פריריק קאלט —
די לופט,
עס פייפט דער ווינט,
א זאווערוכע יאגט זיך בלינד
מיט טאנצנדע שניי -
פערשיט
וואו נאר ס'האט אמאל געבליט:
א פעלד, א בוים צו א געזוש:
חוש חוש!
די וועגן — ווייס.
די טייכן — אייז.
יעדער שטעג איז ווינטערדיג פערשאטן,
קיין צייכן מער נישטא
וואו ער האט א לעבעדיגע פוס געטראטן'
ווינטער.
טויט און קאלט,
און ווייס און איינגעהילט דער וואלד.
ווי זילבערדיג צאפנס גלימצען די צווייגן,
אלץ הילט זיך איין און שווייגט'
ששש — ששש —
איינגעדרימעלט אין זיין ווייסן ווינטער-שלאף
דער זיסן
א קרא צעיאמערט זיך פערצווייפלט אראפ וואו
פון א בוים:
קרא קרא — — — — — — —
און ווידער שא.
דער ווינטער טראגט זיך און און שליידערט שניי
אריבער פעלד און בוש:
חוש — — — חוש — — —

דוד ראדין.

דער גוטער קאטער

קאץ, קאץ, קאטער!
א ברייטן שמייכל האט ער,
דאס ער צווישן ביימער צווייג,
און ער שמייכלט זיך אזוי.
אויפ'ן נאז א שווארצן פלעק.
און דיין עק — אוי, אביעק!
(ס'איז אביעק פון יענע עקן!)
ווי אנ'אויסגעקרימטער שטעקן.
און דיין פעל איז פול מיט פלעקן.
קאן דער קאטער רוהיג זיצן,
פראגט ער ווייסן שטיך מיט שפיצן.
קאטער איז א גוטער, —
עסט ער ברויט מיט פוטער,
און ווערט נישט פערגעסן
שלאפן גאכ'ן עסן.
קאטער ליבט זיך וואשען ריין,
איז ער טאקע גוט און שיין.

דוד ראדין

ניסעלע און פעסעלע

נעמט די קליינע פעסעלע,
מיט אן אויף טיר א שלעסעלע —
גלייך אזוי, אויף שפאס.
נעמט דער קליינער ניסעלע,
פערשליסט עס מיט א שליסעלע,
און גייט ארויס אין גאס.

א קינדער-געריכט אין לאנדאן



דאס געריכט בעשטראפט קליינע פערברעכענס פון קינדער
און איז אנערקענט פון דער מלוכה

אויפ'ן גליטש

א בלויע ווינטער - נאכט. עס ברענט דער פראסט, פערכאפט דעם אטעם, מאכט פידלען דעם שניי אונטער די פיס. אויפ'ן אייז גליטשען זיך חבר'ה, פרישע, יונגע; זיי טומלען, לויפען, יאגען זיך איבער'ן אייז.

עס קומען נאך און אלץ נייע און נייע, זעצען זיך אויף די בענק ארום ברעג, ט'ען אויפגיך אן די שטאלענע גליטשערס. און אן מע גליטשט זיך דורך דעם ערשטן ראנד, ווערט מיטאמאל ווארעם, לייכט, אזוי גרינג, כאטש פליה!

פליהט מען אויפ'ן אייז אויף די גוטע געשארפטע בלאנקע גליטשערס, שנעל און שנעלער, איינס הינטער'ן אנדערן. איינס פאר דעם אנדערן. אט גאר צוזאמען; איינער אן דעם צווייטן, איינער אן דעם צווייטן אין א לאנגער, לאנגער קייט; און אט — האנט אין האנט, ווי א לעבעדיגער פארקאן. און עס צעיאגען זיך די בלוטען, די ברוסט אטעמט פריי, דאס האר'ץ קלאפט מונטער, שטארקער, און אלץ ביז שנעלער רייצט דער פראסט.

אט האט עמעס איבער'ן אייז א קלונג געטאן: ס'איז ביי א מיידעל אין מיטען יאגען זיך ארויס געפאלען איין גליטשער. דאס מיידעל פאלט. א זיבעטע פרובט זי אונטערכאפן, סטאפיעט זיך אליין איין מאל און נאך אמאל, לאזט א פאר מאל ארויס א קוויטש, צעלאזט אינדערלויפטן די הענט, קאן קוים כאפען דאס גלייכגעוויכט...

און דער טונקעלער הימל איז פערשאטן מיט גאנצע קופעס שטערן. עס פיהלט זיך, ווי אט-אט, אט-אט — און ס'נעמט רעגענען מיט שטערן... און אט טאקע טוט זיך גאר מיטאמאל א ריס און א גרויסער שטערן, לאזט זיך אראפ ווי א צעגליטע שלאנג...

באר אט גיט א צי א אנאנדער ווינט. עס ווערט לינדער... עס נעמען פאלען פוכיגע, ווייסע שנייען. דאס נעמט זיך גאר אזוי אינמיטען דערווייען דער בלאסער פעטער שנייער שפריטען זיינע ווייסע בענקן — פונוואנען האט זיך גענומען דער פעטער שנייער?

נישט מען זעהט נישט מען ווייס.

גליטשער נעמען זיך יאגען פלייסיקער און ווערן אלץ מעהרער פערפלאנטערט אין זיין נעץ. ס'ווערט שניאיקער, געדיכטער. ס'ווערט שווער צו זעהען עפעס ווייטער פון זיך... לויפסט, לויפסט, און פון דער ווייסער נעץ איז זיך נישט ארויסצורייסען...

ד. איגנאטאוו.

דאס הינטעל איז אנ'עדות

בערל איז היינט געקומען שפעט. מיר זענען שוין אלע געזעסען אין קלאס און געלערנט.

— פארוואס ביזטו אזוי שפעט געקומען? — האט איהם געפרעגט דער לעהרער.

— איך בין געגאנגען אין שול — האט ער אנגעהויבען מיט א געוויין — איז מיר נאכגעלאפען א שוקל. האב איך זיך אומגעקעהרט און איהם אפגעפיהרט אהיים. האב איך פערשפעטיגט.

— האט דיר, הייסט דאס, דאס הינטעלע נישט געלאזען גיין אין שול? — האט דער לעהרער געזאגט — עפעס גלויבט זיך נישט.

בערל האט זיך פערשעמט און פינאנציעגער געוויינט. מיר האבען אלע געקוקט אויף איהם.

מיט אמאל — א קראץ אין טיר.

דער לעהרער האט די טיר געעפענט. עס איז אריינגעלאפען א קליין, שיין הינטעלע. עס איז צוגעלאפען גלייך צו בערלען, ארויפגעשפרונגען צו איהם אויפ'ן באנק און גענומען איהם לעקען די הענט.

דאס אנקומען פון הינטעל האט אנגעמאכט א גאנצען טומעל אין קלאס.

— דאס איז דאס זשוקל?.. — האט דער לעהרער געפרעגט.

— עס איז געקומען אנ'עדות. — האב איך געזאגט.

לעהרער האט זיך אפגעלאכט:
אומזיסט האב איך חושד געווען בערלען...

דוד ראדין

ווארטען קינדער

ווארטען קינדער אין די טויערן,
קלאפען שטילע אין די טויערן:
„מאמע, מאמע, לאז אריין!
מיר וועלען גוטע קינדער זיין!"
איילען מאמעס, ס'זאל נישט דויערן,
מאכען מאמעס אויף די טויערן.
קומען קינדערלעך אריין,
אלע, אלע גוט און פיין!
שענקען מאמעס זיי א ברכה:
„געזונט זאלט איהר זיין!"

קארנאוואל-צוג אין פאסאדענא (קאליפארניע)

אמאל

אמאל און אמאל,
כא-כא! און כא-כא!
א פערד אינ'ם טאל
וויאווויא! און וויא-וויא!

א, פערדעלע לויף
וויא-וויא! וויא-וויא!
צום בערגעל ארויף
כא-כא! כא כא!

אמאל איז געווען
א האן מיט א הון;
אמאל איז געשעהן,
מע ווייסט פון דערפון!

דער האן האט געהוקט
גאנצע נאכט מיט א קריי.
די הון האט געלייגט
פאר קינדער אנ'איי.

אמאל איז געווען
זייט שטיל און זייט שא!
אמאל איז געשעהן
א מעשה אזא!

אמאל און אמאל,
און וואס איז מיט היינט?
צי האט בלויז אמאל
די זון דען געשיינט?

ז. ווייגפער.

פראגעס און ענטפערס

— וואס איז דאס פאר א לאמפ
וואס לייכט אין דער הויך?
ביינאכט געהט זי אויס —
זאגט'ז קינדער, וואס איז דאס?

— — — — — — — —
— די זון.

* * *

— טרעפט'ז קינדער,
וואס איז דאס פאר א זילבערן ראד,
וואס אין דער הויך לייכט זי
און שיינט: שלאפען קינדער

— — — — — — — —
— די לבנה.

* * *

— אבער וואסער דרעהט מיך,
אדער לופט דרעהט מיך
כ'גיב מענשען מעהל
וויפיל זיי ווילען נאר.

— — — — — — — —
— א מיהל.

דער הונט, דער האן און דער פוקס

א הונט מיט א האן האבען זיך אין צווייען געלאזט וואנדערען. פארנאכט איז דער האן איינגעשלאפען אויף א בוים, און דער הונט האט זיך צוגעשפארט ביי דעם וואלגען בוים צווישען די שטאמען. ווען די צייט איז געקומען, האט זיך דער האן צוקריים. דער פוקס האט דערהערט, געקומען צו לויפען און אנגעהויבען פון אונטען ארויף צו בעטען, אז דער האן זאל אראפגעהן צו איהם; עס גלוסט זיך איהם, כלומרשט, אפגעבען דעם האן גרויס כבוד דערפאר, וואס ער האט אזא גוטע שטים. דער האן האט איהם געזאגט: „מען דארף קודם אויפוועקען דעם וועכטער - ער שלאפט צווישען די שטאמען. זאל ער בעשליסען, וועל איך אראפגיין". האט דער פוקס אנגעהויבען צו זוכען דעם וועכטער און האט זיך פערהויט. דער הונט איז האסטיג אויפגעשפרונגען און האט דערווארגען דעם פוקס.

דוד ראדין:

מיר גייען שפאצירען

(שמיפערי)

די מומע ביילע
האט געקויפט א נייע פאטשיילע.
גייען מיר שפאצירען מיט מומע ביילע,
וואס האט געקויפט א נייע פאטשיילע;

כייקע-טאלעליקע, פרומע און בלומע,
גייען מיט דער מומען;
איטשע קאשעשע, מאמע און שאמע, גייען
מיט דער מאמען,

ליידער-דער-ביינער און לאמע-די-גלאמע —
מיט די גייט דער טאטע;

טילע-די-שטילע און דאבע-די-גראבע,
גייען מיט דער באבע;

בריינע, כ'האב צו דיר א טענה, און העב
פריידע —
מיט זיי גייט דער זיידע;
שפרינצע וואר-בינצע און מיכל, דער אויסגעקאכטער קיכל,
טראגען יעדער מיט א ביכעל;
צירל, מירל און גיטל-קאפיטל,
ווארטען אויף ווינטער צו פאהרען אויף א שליטעל.

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

נייער פאלקסבלאט

יאנואר	מיטוואך
זון-אויפגאנג 7.35	25
זון-אונטערגאנג 4.00	כז
	טבת תרצ"ג

פון ה'האנדעלס-געריכט

רעגולאציע-אפמאך פון „ראזענשטראוך און ביאלער" פאר'ן אפעלאציע-געריכט

צוליב דעם, וואס דער ביזאיצטיגער געריכט־קאמיסאר פון דער „אקצ. געז. קארל שטיינערט" האט זיך אפגעזאגט פון זיין אמט, האט דאס געריכט אויף זיין א״ש באמינירט דעם האנדעלס־ריכטער אלפרעד קינדערמאן.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופגעלאשטש פון דער פירמע „זטעפאן—וולאדיסלאוו אנגערשטיין", האט דאס געריכט בעשטימט א נייעם טערמין פון 2 וואכען אויף אנצומעלדען די חובות.

* * *

אלס קוראטאר פון דער פירמע „ה. ליטראווסקי", זאקען־פאבריק (סקלאדאווא 23) איז נאמינירט געווארען אדוו. קאוואלסקי.

* * *

די פירמע „ראזענשטראוך און ביאלער" האבען בשעתו געשלאסען אן־אפמאך מיט די קרעדיטארען לויט וועלכען די פירמע רעגולירט אויף 15 פראצענט, אויסצוצאהלען 3 האלב יעהרליכע ראטעס. דאס געריכט האט דעם אפמאך בעשטעטיגט.

איינער פון די קרעדיטארען לעוואנדאווסקי, האט געגען דעם אפמאך אפעלירט. אין די נאהענטסטע טעג וועט די אנקלאגע בעטראכט ווערען דורכ'ן אפעלאציע־געריכט.

* * *

אלס סינדיק פון דער פירמע „יעקב מילראד" (פעטריק. 20) איז געוועהלט געווארען אדוו. כוואט ביי פערעפענטליכען דעם אופגעלאשטש, האט דאס געריכט בעשלאסען מילראד'ן צו ארעסטירען. איצט האט דער בעפולמעכטיגטער פון דער פירמע זיך געווענדעט צום געריכט מיט א ביטע, אין וועלכע ס'ווערט אנגעוויזען, אז מ. האט אויפגעגעבען א גענויען בילאנס פון פערמעגען, און אז די גאנצע אקטיוועון געפונען זיך אין די הענד פון דער אופגעלאשטש־מאסע. ס'זיינען אויך בייגעלעגט געווארען דאקומענטען, וועלכע בעווייזען, אז מילראד האט א גוטע זנאמען אין די סוחרישע קרייזען.

אנ'ענליכע ערקלערונג לטובת מילראד'ן, האט אויך געגעבען דער געריכט־קאמיסאר — און געבעטען צו געבען מילראד'ן א גלייט.

דער ענין וועט בעטראכט ווערען אויף דער נאהענטסטער זיצונג פון האנדעלס־געריכט.

די געשעהענישן אין „ווידז. מאנופאקטור" אפיציעלער קאמוניקאט

(2) נעכטען אינדעפריה זיינען אויפ'ן שטח פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" געקומען עטליכע הונדערט ארבייטער מיט דער האפנונג, אז די פאבריק וועט אנהויבען צו גיין.

אזוי ווי דער רוב ארבייטער האט בעשלאסען ווייטער צו שטרייקען, און די פראגע פון ווי. ערצוטרעטען צו דער ארבייט איז נישט געווען אקטועל, איז א טייל ארבייטער געבליבען אויף דער פאבריק, צוזאמען מיט די שטרייקענדע, וואס זיינען דארט געווען פון שבת אן.

ארום 10 אינדערפריה האט א טייל ארבייטער געוואלט פערלאזען די פאבריק, כדי צו גיין אין דער קראנקען־קאסע, געגען דעם האבען זיך אבער געשטעלט די פארשטעהער פון די ארבייטער, וואס זיינען געשטאנען לעם דעם איינגאנגס־טויער, און אויפ'ן כוח פערווערט דאס ארויסגיין פון דער פאבריק.

מחמת דעם האט דער פארשטעהער פון דער פאליציי, וועלכער האט זיך געפונען מחוצ'ן פאבריקס־שטח, און געהייסען די אנדרונג אויף דער גאס — געווארענט די ארבייטער, וועלכע האבען נישט דערלויבט ארויסצוגיין די פרויען, אז אויב זיי וועלען זיך ווייטער בעניצען מיט טעראר, וועלען זיי זיין געצוואונגען צו פערלאזען דעם פאבריקס שטח.

טראץ דער דאזיגער ווארענונג, האט די גרופע ארבייטער נאך אלץ נישט דערלויבט די פרויען־ארבייטערינס צו ארויס פון דער פאבריק, און אפילו טעראריזירט זיי. דערביי איז איין ארבייטערין צו־שלאגען געווארען דורך די ארבייטער.

מחמת דעם געוואלד־אקט, איז דער פאליציי־אפיציר, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן אורט, אריין מיט א פאליציי־אפטיילונג אויפ'ן שטח פון דער פאבריק, אויספאדערענדיג גלייכצייטיג די פערזאמעלטע ארבייטער צו פערלאזען די זאלען און דעם שטח פון דער פאבריק.

אויף דער אויספאדערונג פון דער פאליציי האבען די ארבייטער אנגעהויבען גוטוויליג צו פערלאזען דעם פאבריקס־זאל.

נאכ'ן פערלאזען די פאבריק דורך די שטריי־קענדע, האט זיך ארויסגעוויזען, אז מחמת אויסשר־פונג, האבען 31 ארבייטערינס געחלשט, און נישט געקאנט מיט אייגענע כוחות פערלאזען די פאבריק.

פאגאטאוויע האט די געחלשטע פרויען אפגעבר־מינטערט און זיי זענען אליין אוועק אהיים. בלויז 2 פון זיי האט פאגאטאוויע, מחמת שטארקע היס־טעריע־אנפאלען, אפגעפיהרט אין שפיטאל.

אין דער גאנצער אקציע און אין קיין פאל האט פאליציי נישט געדארפט בענוצען קראפט, מחמת די שטרייקענדע האבען אהן שטעלען א ווידערשטאנד, פערלאזט די פאבריק אויף דער אויפ־פאדערונג פון דער מאכט־ארגאנען.

איצט איז דער פאבריקס־שטח פולשטענדיג אפגעליידיגט.

אויף די מויערען פון דער פאבריק זענען אויס־געהאנגען געווארען א מודעה, אונטערגעשריבען דורך דער פאבריקס־אדמיניסטראציע, בנוגע דעם ווייטער־דיגען אויסצאהלען די לוינען און דעם היינטיגען מאר

די לאגע אין מעטאל, גלאז און אינדוסטרי פון געבויגענע מעבל

(אג) אין דער גאנצער לאדזער וואיעוואודז־טווע איז דאס יאהר 1932 ארורך אונטער'ן צייכען פון אנ'ערנסטען קריזיס. אויב עס האנדעלט זיך וועגען דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין דער לאדזער פראווינץ ווי זגערזש, פאביאניץ און קאליש איז די לאגע דארט אנ'ענליכע ווי אין לאדז. אין אנ'עמוואס בעסערע לאגע האט זיך נאר געפינען די שפיצען־אינדוסטריע אין קאליש, הגם אויך דא האט זיך בעמערקט א פערערגערונג לגבי דעם יאהר 1932.

די גלאז־אינדוסטריע

וואס איז קאנצענטרירט אין פיעטריקאוו און ראדאמסק האט אין יאהר 1932 ארורכגעמאכט זעהר א שארפען קריזיס. איינע פון די גרעסטע גלאז־הוטעס „קארא" איז אין משך פון גאנצען יאהר 1932 נישט געווען טעטיג. אויך אנדערע גלאז־הוטעס אין דער לאדזער וואי וואודזטווע האבען ביז צו א מינימום בעגרעניצט זייער פראדוקציע. די הויפט־סבה פון דער שווערער לאגע אין דער דאזיגער אינדוסטריע איז געווען דאס, וואס די רעגירונג האט דא אנגעווענדעט די אקציע פון פערקלענערען די פרייזען. די דאזיגע אקציע האט געהאט א דעסטרוקטיווען איינפלוס אויף די קאנסומענטען, וואס האבען זיך צוריקגע־האלטען פון מאכען אפילו די קלענסטע טראנ־זאקציעס.

א שארפען קריזיס אין יאהר 1932 האט אויך אדורכגעמאכט די

אינדוסטריע פון געבויגענע מעבעל

וואס איז קאנצענטרירט אין ראדאמסק. דאס רוב פאבריקען האבען געארבייט נאר 3 טעג אין דער וואך. אויך אין די בראנזשע זענען צוליב מאנגעל אין בעשטעלונגען די פרייזען געפאלען. אויך דער פאקט, וואס דער עקספארט פון געבויגענע מעבעל, וועלכער האט אין יאהר 1931 פערנומען אנ'אנגע־זעהענעם ארט אין דעם אלגעמיינעם עקספארט האט זיך אין יאהר 1932 שטארק פערקלענערט, האט נאך פערערגערט די לאגע. דער עקספארט ווידער איז געפאלען צוליב די צאל־בעגרעניצונגען אין א רייה מלוכות הויפטזעכליך אבער צוליב דעם סאוויעטישען דעמפינג.

די לאגע אין

דער מעטאל־אינדוסטריע

איז אין יאהר 1932 געווען א סך ערגערע ווי אין 1931. אויך דא האט א גרויסען דעסטרוקטיווען איינפלוס געהאט די רעגירונגס־אקציע צו פערקלע־נערען די פרייזען, צוליב וועלכע די קאנסומענטען ווילען נישט מאכען קיין שום טראנזאקציעס. אין דער דאזיגער אינדוסטריע איז אין יאהר 1932 געארבייט געווארען א סך ווייניגער ווי אין יאהר 1931.

אפטייקען

היינטיגע נאכט־דיזשורען

(2) מארגען דיזשורירען: מ. קאספערקעוויטש, זגערזשער 54 ; י. סיטקיעוויטש, קאפערניקא 26, ז. זונדעלעוויטש, פיעטריקאווער 25 ; וו. סאקאלע־וויטש, פשעיאזד 14. מ. ליפיעץ, פיעטריקאווער 193 ריכטער און לאבאדא, 11־טער ליסטאפאד 86.

אפגעברענט געווארען א סאדזע־פאבריק

(2) נעכטען בייטאג איז אויסגעבראכען א שרפה אין דער פאבריק פון שוסטער־סאדזע פון „יאקיבאוויטש און קאמפ." אויף פאמארסקא 102.

עס זענען פערברענט געווארען די פאבריק־סקלאדען און א גרעסערע טייל פונ'ם דאך.

דער היזק איז א גרויסער.

פייערלעשער האבען די שרפה איינגעלאשען אין פערלויף פון א האלבער שעה.

DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און וועגערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.

נעמט אן פון 8—2 און פון 5— 9 אוונד.

בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען.

קלאנג־קינא־טעאטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

היינט און פאלג. טעג !

דער שענסטער פילם־שלאגער פון איצטיגען סעזאן א. נ.

דעמאז פון ליבע

(ATLANTYDA)

אין די הויפטראלען :

Brygida Helm i Jean Angelo

אויסער'ן פראגראם : קלאנג - צוגאבע

קינדער: פרייליכער פארושניק

אנהויב פון די סעאנסען טעגליך 4 נאכמיטאג שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג.

קויהלען־אקציע פון דער קהלה ווערט פערענדיגט

פערטרעטער פון בתי־מדרשים דארפען זיך היינט מעלדען

די פערטרעטער פון די בתי־מדרשים און אנ־שטאלטען, וואס האבען זיך נאך ביז היינט נישט געמאלדען צו דער קויהלען־אקציע אין דער קהלה, דארפען זיך מעלדען היינט אין דער קהלה־קאנצע־לאריע ביז 5 אוונד.

ווי מ'טיילט מיט, וועט די קויהלען־אקציע די טעג פערע[...] ווערען.

ווירטשאפטליכע איניציאטיוו פון די האנדווערקער־קאמער

פראדוציר־קאאפעראטיוון פון די האנדווערקער

(אג) די האנדווערקער־קאמערן זענען לעצ־טענס ארויסגעטרעטען מיט דער איניציאטיוו צו ארגאניזירען גרעסערע פראדוציר־ארגאניזאציעס פון קאאפעראטיווען כאראקטער, ווי למשל, שוסטער־, שניידער־קאאפעראטיווען א. אז. וו. אזעלכע פראדו־ציר־קאאפעראטיווען פון האנדווערקער איז שוין גע־שאפען געווארען אין ווארשא (שוסטער), ווילנא (הענדשקעס) און לעצטענס אין לאדז, וואו עס איז געשאפען געווארען א שוסטער־קאאפעראטיוו, וואס פערמירט ארום זיך א גרעסערע צאהל שוסטער.

צוגעמאכט די „שלעסער־מאנופאקטור"

(2) די אונטערהאנדלונגען בנוגע געבען א סאטיספאקציע דעם אינזש. טעלאטיצקי, דעם טעכ־נישען דירעקטאר פון דער „שלעסער־מאנופאקטור" אין אזארקאוו, וועלכער איז די פאריגע וואך ארויס־געפיהרט געווארען אויף א טאטשקע — האט נישט געגעבען דעם געהעריגען רעזולטאט.

אין שייכות דערמיט איז נעכטען געשלאסען געווארען די פאבריק אויף אנ'אונבעשטימטער צייט.

זעלבסטמארד

(2) אויף די טרעפען, אינ'ם הויז אויף לעש־נא 12 האט זיך איבערגעשניטען מיט א ראזיר־מעסער דעם האלז איינער, קאזשימיעזש יאראשעק.

פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט ערשטע הילף.

א ווערקשטעל פאר אייגענע געברויך דארף נישט קיין האנדווערקער־קארטע

ווי בעוואוסט, דארפען די פערזאנען, וואס פיהרען ווערקשטעלען בעזיצען האנדווערקער־קאר־טען אלס בעווייז, אז די בעטרעפענדע זענען קוואליפיצירטע מייסטער.

ס'איז דעריבער אינטערעסאנט די דעציזיע פון מאגיסטראט, וועלכע האט ערלויבט צו עפענען א ווארשטאט פון מאנטירען אויטאמאבילען אהן א האנדווערקער־קארטע. דער מאגיסטראט האט זיך גלייכצייטיג געווענדעט צו דער האנדווערקער־קאמער מיט א בקשה צו האבען די אויפזיכט איבער דער אינטערנעהמונג, צי די באלעבאטים גנעהמען נישט אן קיין שלאסער־ארבייט.

דער מאגיסטראט מאטיווירט דאס דערמיט, וואס די אונטערנעהמער האבען אונטערגעשריבען א פערפליכטונג צו מאנטירען אויטא'ס פאר'ן איי־גענעם געברויך און די ארבייט וועט ווערען אויס־געפיהרט נאר דורך די שאפערען.

מיט א האק איבער'ן קאפ

שיצענדיג די מוטער, האט זי דער'הרג'עט דעם פאטער

(2) דער 56 יאהריגער ארבייטסלאזער ווע־בער רודאלף טים (פון פיוונא 38) איז געווען אנ'אויסערגעוועהנליכער שיכור און רוצח.

זיין כעס האט ער געוועהנליך אויסגעלאזט אויף זיין 50־יעהריגע מאריא און די 22־יעהריגע טאכטער סטאניסלאווא כמיעלעצקא.

די ביידע פרויען האבען געארבייט אין א פאבריק, און פון זיי האט דער אלטער רודאלף אויסגעפרעסט מיט קלעפ דאס געלד אויף בראנ־פען.

דעם 16 אקטאבער ד. י. איז ער געקומען א שיכור'ער און מיט א האק זיך געלאזט גיין אויף דער ווייב זיינער.

אינמיטען וועג האט ער אבער די האק אוועקגעשלידערט אין א זייט, און מיט די הילפע העגט גענומען דאס ווייב ווערגען.

די טאכטער האט דערזעהען, אז די מוטער איהרע איז אין א טויט־סכנה, האט זי געכאפט די האק, און געשפאלטען דעם פאטער איהרען דעם קאפ.

אז זי האט דערזעהען — דער פאטער איז א „פערטיגער", איז זי אוועקגעלאפען אין קאמי־סאריאט און געמאלדען וועגען דער גאנצער גע־שיכטע.

מ'האט זי, פערשטעהט זיך, תיכף ארעסטירט. נעכטען האט זי בעקומען פון קרייז־געריכט א פסק : א יאהר טורמע.

דער בעריהמטער לאָדזער שווינדלער

סטאַשיעק צעדערבוים איז ווידער אריינגעפאלען אין פּעקעל

(2) מיט עטליכע וואָכען צוריק איז ארעסטירט געוואָרען אין קאליש דער 35-יאהריגער לאָדזער „פויגעל-בחיר", סטאַניסלאוו צעדערבוים אדער קאַזשימיעזש הצליטש-האליצקי (א נאָמען פון דער המצורה), אלס בעשולדיגטער אין בעגיין א רייה שווינדלען.

דער דאָזיגער צעדערבוימל איז אזא מין „ווילדע שפּראָצונג" פון א בעקאַנטער לאָדזער חסידישער, סוחר׳ישער פאמיליע.

אין לאָדז האָט ער געענדיגט וויטאַנאָסקיס גימנאַזיום, און דערנאָך איז ער א צייט געווען סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט — אויפ'ן יורידישען פאַקולטעט.

נאָכ'ן טויט פון זיינע עלטערען, האָט ער שנעל צורעכט געמאכט די ירושה, וואָס ער האָט בעקומען, און געלאָזט זיך אויפ'ן וועג פון שווינדעל און שאַנטאַזש, אפערירענדיג אין גאַנץ פּוילען.

אין קאליש האָט מען איהם איצט ארעסטירט, מחמת די מיסהרויכען, וואָס ער איז בעגאַנגען אלס „עהרען-רעדאקטאָר" (א שמאָנעל נייער טיטול) פון „עכאָ קאליסקיע".

מיט א לעגיטימאציע פון דעם ריכטיגען רעדאקטאָר פון דער דאָזיגער ליקווידירטער צייטונג, איז צעדערבוים ארויסגעטרעטען אין א געוויסען רעכטאָראַן אלס „האָנאָראָווער" רעדאקטאָר, און אפּגעטון זיינע פערשידענע טונקעלע שפּיצלען.

די אויספאָרשונג, וואָס ווערט איצט געפיהרט אין קאליש, האָט ארויסגעוויזען, אז כחוצ'ן ארויסשווינדלען געלד און אנדערע שפּיצלען, פלעגט ער לעצטענס „אינגאַזשירען" טענצערקעס צו א געוויסען לאָקאַל, וואָס ער האָט כלומרשט געוואָלט עפענען...

מען איז איהם חושד, אז ער האָט א שייכות צו א געהיימען נאַכט-קאבאַרעט אין פּאריז, וואָס איז, אייגענטליך, א פּשוט שאַנד-הייזעל, פאַר וועלכען ער האָט צוגעשטעלט לעבעדיגע סחורה.

ס'הייסט, ער איז אזא מין גרויס-עקספּאָר־טער אויף אויסלאנד...

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז סטאַשיעק־לעבען האָט אויך געארבייט די קונץ, אלס רע־דאקטאָר פון דער נישט-געשטוינענער און נישט־בעפלויגענער „פאָלאָניאַ גדאַנסקאַ". אלס אזא האָט ער אפּגעטון פערשידענע מעשים אין פּויזנער און פּאָמערנער וואָיעוואָדזשטווע.

ער איז שוין אויך אפּגעזעסען א ווירעק 6 חדשים אין שווייצאַריע.

תּוך כּדי ווערט ער, אלס אנטיק, געזוכט דורך דער פּאָליציי פון פערשידענע קרייזען, ובתוכם — אויך פון דער לאָדזער פּאָליציי.

וואָס שייך דער לאָדזער פּאָליציי, האָט זי, אוישען א סך אנדערע, אויך אזא טענה:

ויהי היום — איין מאָל איז ר' סטאַשיעקל פערהאלטען געוואָרען דורך דער אויספאָרשונגס־פּאָליציי אין ערגיץ א שטאָט אין פּוילען, און בעת'ן פערהער, האָט ער ארויפגעג'גב'עט פונם טיש פון בעאמטען עטליכע ריינע בלאַנקעטען פון אויגעריפענע „ארעסט-נאקאזען" און פון דורכ־פיהרען רעוויזיעס.

אויף אזעלכע „נאקאזען" איז געוועהנליך גישט בגדרוקט דער נאָמען פון דער שטאָט, און געוועהנליך ווערט אויף זיי ארויסגעשטעלט א שטעמפּעל.

אין סטאַשיעק אראָפּגעקומען קיין לאָדז, אויסגעפיהלט אזא בלאַנקעט און איז צוגעפאָהרען קיין פאַביאַניץ. וואו ער איז אריין צו איינעם א רייכען דאָרטיגען יודישען בירגער, זיך פאָרגעשטעלט אלס קאָמיסאַר פון דער קרימינאל-פּאָליציי, און פאָרגעשטעלט 2 נאקאַזען צו דורכפיהרען א רעוויזיע און אן ארעסט...

דערביי האָט סטאַשעק געגעבען אָנצוהערע־ניש דעם שאַנטאַזשירטען, אז פאַר א גרעסערען „מתן בסתר" וועט ער פּטור זיין פון צו זיין א „יושב בסתר"...

דער פאַביאַניצער יוד האָט אָבער גפּיהלט, אז ער איז גאָט די נשמה שולדיג. און אז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבען, האָט ער היני־פערווייליג צו-וויסען געטון אין קאָמיסאַריאַט אריין וועגען דעם „וואזשנעם אורח", וואָס איז צו איהם אראָפּגעקומען אין געשטאלט פון א פּאָליציי־קאָמיסאַר.

האָט מען דאָרט נישט געמאכט קיין לאַנגע שהיות, אראָפּגעשיקט א ריכטיגען פּאָליציאַנט און ארעסטירט איהם צוזאַמען מיט זיין קאַכאַנקע.

מען האָט זיך טעלעפאָניש פערשטענדיגט מיט'ן אויספאָרשונגס-אמט און אריבערגעשיקט איהם קיין לאָדז.

ווען דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט איהם עקס־פּאָרטירט, האָט זיך געוואָלט מיט זיי אריינזעצען אין צופאָהר-טראַמוואי, האָט זיך סטאַשעק בעליי־דיגט, און מעגהנ'דיג, אז ער איז א קאָמיסאַר פון דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי, וועלכער איז א שליח פון ווארשא—האָט ער געדונגען א דראָזשקע.

אויס'ן וועג פון פאַביאַניץ קיין לאָדז האָט דער שווינדלער געהאלטען אין איין איבערצייגען דעם פּאָליציאַנט וועגען זיינע בעציהונגען מיט דער צענטראל-מאכט אין ווארשא, און מחמת דער פיי־נער אויפפיהרונג פונ'ם פּאָליציאַנט, האָט ער איהם צוגעזאָגט, אז נאָכדעם ווי די מיספערשטענדניש וועט אויפגעקלעהרט ווערען, וועט ער איהם נעה־מען צו זיך קיין ווארשא, און זעהן, אז ער זאָל אוואַנסירען אויף א „סטאַרשי".

דער לייכט-גלויביגער פּראָווינצער פּאָליציאַנט האָט זיך געלאָזט איבעררעדען. אז ער האָט צו טון מיט א קאָמיסאַר פון דער געהיים-פּאָליציי, און איז געוואָרען נאָך פּוטערדיגער, נאָך ווייכער...

ווען די דראָזשקע איז שוין אָנגעקומען פאַר דער טורמע אויף קאָפּערניקא, וואו מ'האָט געוואָלט צעדערבוימען אריינזעצען, האָט דער לעצטער דערקלעהרט דעם פּאָליציאַנט, אז ער קומט איהם א דאַנק פאַר'ן איידעלען בענעהמען זיך, און זאָל־בעדריט, ד.ה. מיט דער קאַכאַנקע צוזאַמען, זענען זיי אריין אין דער נאָהענטער מלעטשאַרניע אויף א גלעזעל מילך...

פונ'ם גלעזעל מילך האָט זיך אָבער אויסגע־לאָזט א פּאָר פלעשער בראָנפען, פון וועלכע דער פּאָליציאַנט האָט לחלוטין פערגעסען וואו ער איז און וואו ער האַלט אין דער וועלט...

סטאַשעק מיט זיין קאַכאַנקע האָבען איהם צוריק אריינגעזעצט אין דער דראָזשקע, אראָפּגע־נומען פון איהם זיין זייגער, אויסגעגליכען מיט איהם דעם רעכענונג אין דער מלעטשאַרניע, און זענען אוועק אויף ראָג ק-לינסקיעגאָ און נאַרוטאָ־וויטשא, וואו זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט אין די מעבלירטע צימערען.

דעם פּאָליציאַנט האָבען זיי דאָרט אויסגעטון און אריינגעלייגט אויסניכטערן זיך איך א בעט אריין.

סטאַשעק גופא האָט זיך אָנגעטון אין דעם פּאָליציאַנט'ס מונדיר און רעוואָלווער און איז ארויס אין גאַס. דאָ איז אָבער געוואָרען אויפמערקזאַם דער יודישער נאָז און מ'האָט איהם ארעסטירט.

ווי מיר זעהען אָבער איז איהם אויך דאָס געלונגען צו ווערען א האַז—און ערשט איצט האָט מען איהם געפּאַקט אין קאליש.

ערב א קאָלעקטיווע אפּמאַך

אין דער קאָטאָן-בראַנזשע

נעכטען איז פאָרגעקומען דער פּראָטעסט-שטרייק

(2) נעכטען 11 אינדערפריה איז פאָרגעקו־מען די קאָנפערענץ אין ארבייטס-קאָמיסאַריאַט בע־ווידמעט דער פראַגע פון שליסען א קאָלעקטיווען אפּמאַך אין דער קאָטאָן בראַנזשע.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו בילדען א ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס וועט ווי אמשנעלסטען אויסארבייטען דעם גענויעם טעקסט פאַר א קאָ־לעקטיווען אפּמאַך.

די ארבייטער-פאָרשטעהער האָבען געפאָדערט, אז דער אפּמאַך זאָל געשלאָסען ווערען אויף עט־ליכע יאָהר.

די ערשטע זיצונג פון דער קאָמיסיע וועט פאָרקומען מאָנטאָג, דעם 30 יאַנואַר, און וועט פאָרעפענטליכטען אינ'ם ערשטען מאָנטאָג נאָכ'ן אונ־טערשרייבען.

בעת די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען האָבען אלע קאָטאָן-ארבייטער דעמאָנסטראַטיוו געשטרייקט 2 שעה.

אויב דער אפּמאַך וועט אין די נאָהענטסטע טעג נישט אונטערגעשריבען ווערען — וועלען אלע זאַקען-ארבייטער פערשטרייקען.

פייערליכע אקאדעמיע

מיט'ן אנטייל פון וויצע-פּרעזידענטען פון וועלט-פערבאנד „מכבי" ד"ר ראָ־זענפעלד פון בערלין

היינטיגע וואָך הויבט זיך אן אין אונזער שטאָט די פּראָקלאַמירונגס-אקציע לטובת די „מכבי"-קאָלאָניע אין ארץ-ישראל.

צו דער דאָזיגער אקציע קומט ספּעציעל קיין לאָדז דער וויצע-פּרעזידענט פון וועלט-פערבאנד „מכבי", ד"ר ראָזענפעלד פון בערלין, וועלכער וועט ווייַלען אין אונזער שטאָט עטליכע טעג.

אין צוזאמענהאנג דערמיט קומט פאַר דעם קומענדיגען שבת, דעם 28/1 אָוונד אין זאַל פון „הזמיר" א פייערליכע אקאדעמיע מיט'ן אנטייל פון חשוב'ן גאַסט.

צו 5 יאָהר טורמע

פאַר אויספּערטיגען און פערשפּרייטען פאַלש געלד

(2) נעכטען זענען געשטאַנען פאַר'ן געריכט דער 43-יאָהריגער אבראם אוטשאַשעק און זיין קאָ־כאַנקע, די 33-יעהריגע יהודא שיודא, וועלכע האָבען, חוצ'ן ליבען זיך, זיך פערנומען דערביי מיט'ן אויספּערטיגען און פערשפּרייטען פאַלש געלד.

די זענען ביידע פער'משפּט געוואָרען צו 5 יאָהר טורמע.

אנשטעקענדע קרענק

צווישען חיות און בהמות אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזשטווע

(2) לויט ווי מ'איז אינפאָרמירט פונ'ם וואָיעוואָדען אמט, פערשפּרייטען זיך לעצטענס צווישען די חיות אויפ'ן שטח פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזשטווע, מחוץ פערשידענע אנשטעקענדע קראַנקהייטען — משוגעת, וואָס עס איז פערגאַנגען געוואָרען אויפ'ן שטח פון קאָנינער, לענטשיצער, ראַוואַמאַזשער, טורקער קרייז, ווי אויך אין לאָדז.

חוץ דעם, זענען נאָטירט געוואָרען פאַלען פון לאָרעזע און פגירה ביי חזירים אינ'ם פּעטריקאָווער און שיעראַדזער קרייז.

אינ'ם קאַלישער קרייז הערשט שווינדזוכט צווי־שען די פערד.

כאָלערע צווישען עופות איז פערנאָטירט אין לענטשיצער און קאַלישער קרייז.

— א חידוש: אזא ביטערניש, אזא קריזיס אויף דער וועלט!...

נ"ע דוד טענענבוים

נעכטען פריה האָט דער אומבארמהערצ'דיגער טויט נאָך א לאַנגער קראַנקהייט אוועקגעריסען אין די בליהענדיגסטע יאָהרען פון זיין לעבען איי־נעם פון די חשוב'סטע פאָלקיסטישע טוער און בע־אַמטער אין דער יודישער קהלה דוד טענענבוים.

די לויה וואָס איז פאָרגעקומען נעכטען האָט צוגעצויגען א צאָהלרייכען עולם מלו"ם, צווישען אנדערע, פאָרשטעהער פון דער יודישער קהלה, פאָלקס פּאַרטיי, צענט אלער קליינהענדלער-פאַראיין, האַנדוועקער-צענטראלע א.א.

נאָך דער הזכרה דורכ'ן חזן עוזר ווינאַגראד האָט ראַממאַן כארי געהאלטען א הספד אין נאָמען פון דער יודישער פאָלקס-פּאַרטיי, די ה"ה יונה שפּער אין נאָמען פון די קהלה-בעאמטע און קהלת סעקרעטאַר ה' נארפּל אין נאָמען פון דער קהלה.

ת נ צ ב "ה

ר. איזראעל

משפּחות אין פלאַמען

סענסאַציאָנעלער ראָמאַן

פון יודישען פאַמיליען-לעבען

(78

— צו וואָס פאַראַ טייוועל האָט זי אַלז דאָ דאָזיגע טייוועל-פּרויע אריינגעמישט אין איינ־עם דאָס וואָלט איהר, הער ריכטער, ביי דער דאָמע זיך געקענט גיכער דערוויסען ווי ביי מיר, און ווייס דערפון גאָרנישט

אויך אין דעם פאַל האָט ביאַלאַפּאָלסקי דער־פיהלט, אַז קריניצין איז אויפריכטיג, און אַז אויך ער קען נישט די באַראָנין

— וואָס פאַראַ כאַלערע האָט זי אלזאָ אהערגע־בראַכט, פון וואַנען ווייס זי פון דער גאַנצער גע־שיכטע, ס'איז דאָך אָהן אַ ספק, אַז זי איז אַנ'אויס־געפערן, דאָס האָט מען געקענט דערקענען לויט איהר שפּראַך און לויט איהר גאַנצען בענעהמען זיך

עפּעס אַ מאָרם האָט געטראָפען ביאַלאַפּאָלסקי׳ס געפיהלען. ס'האָט איהם נישט אַזוי ווייט פּערדראָסען דער שענדליכער שאַנטאַזש, וועלכען מען איז געגאַנגען איהם בעגאַנגען, נאָר דאָס וואָס ער איז נישט בכוח אויפצודעקען אפילו אַ שפּאַלט אין דעם אונ־געהויערען געהיימניש, שטענדיג האָט איהם גע־קלונגען אין די אויערען איהר יוענטע „איך ווייס וועגען אייך מעהר ווי איהר וועט מיר, זאָל דאָס טאַקע אמת זיין, און דאָס פאַר איהם דאָס ערגסטע

דער ריכטער האָט דערוויל פערגעסען, אַז ביי

[illegible]

ליך וועט איהר פראַצעס אַנגעהויבען ווערען, ווייל גע־גען אייך זענען נישט פאַראַן קיין קאָנקרעטע בע־ווייזען, הגם דער חשד וועט פון אייך נישט אראָפּ־גענומען ווערען

קריניצין האָט געפיהלט, אַז זיין פּאָזיציע ווערט שטאַרקער און ער האָט בעקומען מעהר דרייסטקייט

— פּאַריוואָס עפּעס וואָהרשיינליך, איך רעכע, אַז איך דאַרף אויך זיכער בעפרייט ווערען, ווייל איך בין אונשולדיג און דאָס דאַרף זיין דאָס קריטער־יום אין יעדען פערברעכען

— אָבער איהר קענט דאָך אייער אונשולד נישט בעווייזען

— ווי איך פערשטעה דאַרף מען מיר בעוויי־זען, אַז איך בין שולדיג און נישט איך דאַרף בע־ווייזען, אַז איך בין אונשולדיג

— דאָס איז אמת, האָט דער ריכטער געזאָגט, אָבער אין דעם פאַל האָבען מיר גענען אייך זעהר שטאַרקע פערדאַכטען

— די זאַך פון דער אויספאָרשונגס-מאַכט איז ארויסצופיהלען דעם אמת און די ריכטיגע לייטע אין דער אויספאָרשונג

— אַן דעם סיסטעם האַלטען מיר זיך טאַקע, איך האָב בעשלאָסען אייך צו בעפרייען

ערשט איצט האָט קריניצין פערשטאַנען די בע־

[illegible]

קריניצין איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, ער איז צוגעלאָפען צום ריכטער, אויסגעשטרעקט די האַנד, אַזוי ווי צו זיינס אַ פריינד, און געזאָגט

— איך דאַנק אייך זעהר, איך בין מוחל אלע־מען די אונאַנגענעהמליכקייטען וואָס איך האָב גע־האַט, יעדער מענש קען אריינפאַלען אין אַן אומ־גליק, איך בין אַלעמען מוחל...

— איין מאָמענט, האָט ביאַלאַפּאָלסקי איבער־געריסען קריניצינס פרייד, איך וועל אייך בעפרייען מיט אַ תנאי

— דהיינו? האָט קריניצין זיך געוואונדערט

דאָס וואָס ביאַלאַפּאָלסקי האָט איצט געזאָגט איז איהם ערשט דעם מאָמענט איינגעפאַלען, ער האָט געזוכט אין זיינע געדאַנקען עפּעס אַ פּלאַן ווי אַזוי בקמה צו נעהמען אין דער באַראָנין פאַר זעך שרעקליכען און שענדליכען דורכפאַל וואָס ער האָט ביי איהר געליטען און אַזוי האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער האָט דעם ריכטיגען פּלאַן

— וואָס פאַראַ תנאי שטעלט איהר? האָט קריניצין נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט

— אַז איהר זאָלט שטעהען אין אַ שטענדיגען קאָנטאַקט מיט מיר

קריניצין האָט נישט גענוי פערשטאַנען וואָס ביאַלאַפּאָלסקי האָט געזאָגט

— איך וויל, האָט דער ריכטער נאָכאַמאָל גע־זאָגט, אַז איך זאָל זיך פון היינט אָן קענען מיט אייך אָפט פערשטענדיגען

— איך פערשטעה גאָרנישט, אפשר וועט איהר מיר דאָס אויפקלערען

— איהר זייט אַן אינטעליגענטער מענש און איהר וועט מיך פערשטעהן...

— אַלזאָ פּראָוואָקאַציע, האָט זיך קריניצין ארויסגעכאַפּט

— וואָס פאַלט אייך איין, איהר זעט דאָך נישט

[illegible]

— איך וועל אייך באַלד אַלץ אויפקלערען זיי איך האָב אייך שוין געזאָגט, האָט זיך אין אייער ענין אריינגעמישט אַ דאַמע, אַן אויסגעצייכנטע מיט'ן בעריהמטען נאָמען באַראָנין גושאר, זי האָט גע־זאָגט די גרעסטע ווירקונג אויף אייער שיקזאַל אין בעפרייאונג, פערשטעהט זיך, אַז אָהן מיין ווילען וואָלט דאָס נישט געקענט געשעהען און איהר דאַרפט אויך מיר זיין אַ ביסעל דאַנקבאַר

— נו, גוט, אָבער מיט וואָס קען איך אייך אָפּדאַנקען

— אָט הערט, איך בין זיכער, אַז גלייך אַ־ביסל שפּעטער, ווען איהר וועט אַרויס פון טורמע וועט די דאָזיגע באַראָנין זיך מיט אייך זעהען, דאָס זאָגט דער שכל, אויב זי האָט זיך מיט אייך אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, וועט איהר אין עטוואָס נאָך אַ געוויסע צייט אָנהאַלטען, פון אייך וויל איך, אַז איהר זאָלט מיר מיטטיילען וועגען דעם גלייך נאָך דעם ווי איהר וועט זיך זעהן מיט דער באַראָנין, איהר קענט דאָס טון אויך טעלעפאָניש

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, הער ריכטער, אַז איך קען די דאָזיגע דאַמע איבערהויפּט נישט און איך ווייס נישט, צי איך וועל זיך מיט איהר טרעפען נאָך וואו צוזאַמענטרעפען, ווען אָבער יאָ, פערזיכער איך אייך, אַז דאָס וועל איך פאַר אייך טון

— אָבער נאָך אַ בעטונג, אַז די באַראָנין זאָל נישט וויסען דערפון, דאָס איהר פערשטענדיגט זיך מיט מיר וועגען איהר פערזאָן

— גוט איך זאָג אייך דאָס צו

— אין אַ שעה אַרום וועט איהר בעפרייט ווע־רען, איך שיק גלייך אָב דעם פּראָטאָקאָל אין דער טורמע אַריין

קריניצין איז אַוועק אַ דערפרייטער און אַ

[illegible]

(פאָרזעצונג קומט)

שׂרפות

(א) אַ שׂריפה איז אויסגעבראָכן אין דער האָויבוג. פון א. ווישאַגראַדזקי (גדאַנסקא 17), יואַס איז מיט׳ן פייער אַוועק די פּאַדלאָגע.

אויף וואָלטשאַנסקא 135 אין אויסגעבראָכן אַ שׂריפה אויפ׳ן בוידעם, מחמת מען איז געגאַנגען וואַרעמען אַ רער.

אין ביידע פאַלען האָבן אינטערווענירט פייער לעשער

גאַסטשפּילן פון פּאָול באַראַטאָוו אין סקאַלאַ

היינט אָוונט ווערט געשפּילט צום פינפטן מאָל דאָס בעריהמטע מייסטערווערק פון אירענא ניעמיראָווסקא „דור גאָלדער" מיט ד״ר פּאָול באַראַטאָוו אין דער טיטול ראָל.

„אַראַראַט"

שפּילט נישט די טעג אין לאָדז

די טרופּע פון „אַראַראַט" איז אַרויסגעפאָהרען אויף עטליכע טעג שפּילען מחוץ לאָדז.

היינט ווערט געשפּילט אין פּאַביאַניץ, מאָרגען, פרייטאָג און שבת־טשענסטאָכאָוו און זונטאָג־צוריק אין לאָדז.

עס ווערט געגרייט אַ נייער פּראָגראַם.

זאַל „פילהאַרמאַניע"

פרייטאָג, דעם 27 יאַנואַר, אין אָוונט, ווערט געגעבען אַ פּאָפּולערע פאָלקס־פאָרשטעלונג. עס טרעטען אויף די אַרטיסטען אַדאָלף לעהרער און העלענע לאַנדאַו. עס ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל „דער קעניג פון ליבע". צום שלוס — קאָנצערט א. ג. „ס׳איז אַ פרעהליכע וועלט".

פון דער לאָדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי	—	—	—	81.00
3 פּראָצענטיגע בוראָוולאַנע			—	42.50
4	„	דאָלאַרובקא		56.75
7	„	סטאַביליזאַציע (אמ.)		57.25
8	„	וואַרשעווער שטאַנד־בריף		44.25
8	„	לאָדזער	„ „	44.00
ענגלישע פונט	—	—	—	30.25
דאָלאַר	—	—	—	8.91

אויסבעסערונג

פון דער רשימה יודישע מיטגלידער אין די שאַצונגס־קאָמיסיעס, וואָס איז געווען פאַרעפענטליכט אין נעכטיגען „נייעס פאָלקסבלאַט", איז אַרויסגעפאַלען דער נאָמען פון יודישען מיטגליד פון 3־טען פינאַנץ־אַמט, ה׳ יצחק ווילהעלם (שרודמיעסקא 24).

בעשטראַפט פאַר׳ן מענה־לשון

א סברא, אז נישט שטענדיג איז דאָס שכרות—אַנ׳אויסרייד

(2) נעכטען איז פאַר׳ן געריכט געשטאַנען דער 30־יעהריגער מיטאָלאַי קרויזע, אַ ליטער פון א מעטאַל־פאַבריק אויף קאַראָלאַ 7.

די מעשה איז געווען א גאַנץ געוועהנליכע: דעם 4 ד. ח. האָט ער זיך נאָך א „נאַסער" וועטשערע אין א נאַכט־לאָקאַל גלאָזט אַפּפיהרען אַ דהיים.

אַזוי ווי די לאַמטערנדלעך אין דער דראָזשקע, וואָס האָט איהם געפיהרט, זענען נישט געווען אָנגעצונדען, האָט א פּאָליציאַנט די דראָזשקע פאַרהאַלטען אין מיטען פאָהרען.

דאַן איז קרויזע שיכור׳ערהייד אַרויס מיט אַזאַ פּזמון:

— צי ווייסטו, פּאַניע, ווער איך בין? איך בין אַ ליטער פון א פאַבריק, און דו ביזט, פּאַניע א געוועהנליכער פּשוטער, געמיינער פּאָליציאַנט!".

דערפאַר האָט נעכטען קרויזע בעקומען 3 חדשים צו זיצען.

דער „גליקליכער" בריף־טרעגער און זיין „אשת חיל"

(2) דער 28־יעהריגער בריף־טרעגער מיעטשיסלאַוו שימאַנסקי האָט זיך דעם 27. דעצעמבער פ. י. געטראָפען אין דער גאַס מיט זיין פרוי, העלענא, מיט וועלכער ער לעבט נישט צוזאַמען.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — און זיי האָבן זיך צושלאָגען אין מיטען דער גאַס (אַהן „זנאַטשקעס"...).

איז געגאַנגען העלענא אין דער פּאָליציי און געמאָלדען, אַז איהר „געשפּאַן" האָט זי געוואָלט שיסען מיט אַ קאָזשיאַנעם פּיסטויל...

נעכטען האָט דעם ענין בעטראַכט דאָס געריכט, און געקומען צום אויספיהר, אַז קיין סכנות נפשות איז דאָ נישט געווען, אָבער — מעשׂיסלאַוו וועט זיך מוזען 2 וואָכען אויסרוהען די פיס אין אַרעסט...

א פייערליכע ביאַליק־אַקאַדעמיע אין זגערזש

(פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

דעם יובילעי פון גרויסען דיכטער און דענקער ח. נ. ביאַליק האָט דער היגער טורן־ און ספּאָרט־פעראיין „מכבי" איינגעאָרדנעט שבת. אין אָוונט דעם 21. יאַנואַר אין איינענעם לאָקאַל אַ פייערליכע אַקאַדעמיע מיט אַ רייך ליטעראַריש־מוזיקאַלישע פּראָגראַם.

נאָכדעם ווי דער אָרקעסטער פון פעראיין שפּילט „התזקנו" עפענט די אַקאַדעמיע דער ווייס־פאָרזיצער ה׳ ה. בעגע און גיט דאָס וואָרט דעם ה׳ כלודניעוויטש, וועלכער רעדט וועגען לעבען און שאַפען פון יובילאַר, וע ען דער בעדייטונג פון העברעאיש פאַר׳ן יודישען פאָלק און צום סוף שטעלט זיך דער רעדנער אָפּ וועגען קינפטיגען העברעאישען וועלט־קאָנגרעס.

ד״ר י. פרענקעל, האַלט אַנ׳איבהאַלטסרייכען רעפעראַט וועגען ח. נ. ביאַליק.

דאַן רעציטירט ה׳ י. ראָזענצווייג דריי געדיכטען פון ביאַליק: „מיין מאַמעס טרעה ע" און „שחיטה שטאָט", און „גאָרטען", וועלכע רופען אַרויס אַ ביפאַל.

מיט גרויס ענטוזיאַזם זינגט דאַן דער בעקאַנטער אָפּערן־זינגער ל. ריאַזאַנצעוו איינינע העברעאישע און יודישע לידער פון ביאַליק: „מנהג חדש" און „גרינינקע ביימעלעך" (מוזיק מיל. ע.) און אויך איינינע פאָלקס־לידער.

צום סוף שפּילט דער „מכבי"־אָרקעסטער און דער גאַנצער עולם האַלט אויטע „התקוה" און די פייערונג ווערט ביי אַ געהויבענער שטימונג געשלאָסען.

עס איז ווערט צו דערמאַהנען, אַז לעצטענס האָט זיך די טעטיגקייט פון „מכבי" זעהר אַקטיווירט, הן אויפ׳ן געביט פון ספּאָרט און גימנאַסטיק און הן אויפ׳ן קולטור־עלען געביט.

—ן.

Dr. Z. RAKOWSKI

ספּעציאַליסט פאַר

אוירען, נאָז, האַלז און לונגען־קראַנקהייטען

11 ליסטאָפּאַד 9 (קאָנסטאַנטינער)

טעל 127־81

שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעמט אויך אָן אין לאַטשניצע זגערזשער 17 פון 11—2 אין כעלמיפּון 8—9 פריה.

3 פאַרשטעלונגען פון רעגינאַ צוקער אין „פילהאַרמאַניע"

זונטאָג, מאָנטאָג און דינסטאָג, טרעט אויף די בעליבטע סובּרעטין רעגינאַ צוקער אין 3 פאַרשידענע פרעהליכע אָפּערעטען, מיט וועלכע זי האָט זיך ביים לאָדזער טעאַטער־עולם שטאַרק פּאָפּולער און בעליבט געמאַכט. צוזאַמען מיט רעגינאַ צוקער, שפּילט מיט דער גאַנצער וואַרשעווער אָפּערעטען־אַנסאַמבל.

ווי אַרדענט מען זיך איין און מען לעבט אין בירא־בידזשאַן

(ענדע פון דער 4־טער זייט)

(איינינע זענען אָפּגעפאָהרען אין פּראָווינץ). וואָס רעכענט זיך פאַר די הויפּטשטאָט פון בירא־בידזשאַן. אַז מען גייט אַרויס אין גאַס פערגעסט מען, אַז עס איז נעבען יאַפּאַניען צי מאַנדזשוריע; ס׳איז איינגאַנצען נישט קענטיג, ס׳דוכט זיך, אַז ס׳איז עפּעס 1 אָדער 2 סטאַציעס פון ווילנא אין אַ קליין שטעטעל. דאָ אין שטאָט דערציילט מען איז אויך זומער פאַרהאַן ווייניגער קאָמאַרען און פליגען. די ווינטערען זענען דערווייל גלענצענדע, העכסטענס 10—12 גראַד קעלט. איך גיי אַרום אָהן וואַרעמע וועש. אינדערפריה און אין אָוונט זענען די ווינטערען קעלטערע.

איך בין אָנגעקומען אַרבייטען אין דער חינער בוי־קאָנטאָר אַלס בוי־טעכניק. געהאַלט דערווייל 350 ר. אויב איך ייעל ווערט זיין וועט מען מיר העכערן. דווקא אַרבייט אין א ביוראָ אַלס געהילפס־בוכהאַלטערשע. געהאַלט 175 ר. שפּעטער קען מען העכערן. פאַר אונז וועט ווערען פאַרטיג א צימער אין א וואָך אָדער 2 אַרום אינמיטען שטאָט, אַ ליכטיגער (2 פענסטער) און אַ בעקוועמער. מ׳דאַרף איהם נאָך אויסטינקעווען, אויסמאָלען און אויסטרוקענען. דערווייל וואוינען מיר הינטערן שטאָט. אויך אין אַ בעזונדערן צימער, אָבער אַ קלענערן (2 מעטער 20 צ״מ די ברייט און 3 מעטער 20 צ״מ די לענג) און פון קלעצער, נישט נעטינקעוועט. מיט׳ן עסען איז אַזוי: ברויט קריגט מען צו 800 גר. אַ טאָג, נאָר איין מאָל טרעפט, אַז דאָס מעהל פערהאַלט זיך און וועט עטליכע טעג. פערקלענערט מען די פּאָרציע אויף עטליכע טעג און מ׳קריגט 500—400 גר. איינענע מעהל פון בירא־בידזשאַן איז כמעט הייער נישטאָ, ווייל עס איז געווען אַ פערפלייצונג. ס׳איז אַ סך איבערגעפיהרט געוואָרען און מ׳דאַרף אַלץ ברענגען פון סיביר, צי גאָר פון צענטער. ברויט קאָסט 20 קאָפּ. אינדערפריה קריגט מען 1 הערינג, 1 לעפעל צוקער מיט טיי וויפיל מ׳וויל, ס׳קאָסט 35 קאָפּ. ביי׳ן מיטאָג. קאַרטאָפעל, זופּ מיט שמאַלץ, 3—4 מאָל אַ וואָך צו פאַרציע פלייש געטושעטע, אמאָל פיש אָדער לאַטקעס אָדער עפּעס אַנדערש. דאָס קאָסט 1 50 ר. אַזאַ מיטאָג קריגען נאָר דער טעכניקום־פערסאָנאַל. אַרבייטער עסען אין אַנ׳אַנדער קיך, צאָהלען 65 קאָפּ. און קריגען אַנ׳ערגערען מיטאָג. מ׳קען אויך בעשטעלען א בעסערען מיטאָג. דאַן קאָסט ער 4—5 רובל.

אין אָוונט קריגט מען ווידער הערינג אָדער פיש. איינמאָל אין חודש קריגט מען אויף איין מענש 400 גר. צוקערקעס, 300 גר. מעהל־צוקער, 500 גר. שמאַלץ. דאָס האָבען מיר דערווייל געקראָגען אַלץ. ווען עס וועט אָנקומען אין קאָאָפּעראַטיוו גרויפּען און קאַרטאָפעל, וועט מען אַלעמען צעטיילען. מיר האָבען אָנגעגעבען אַנקעטעס, מ׳זאָל אונז פעררעכענען אַלס אויסלענדישע ספּעציאַליסטען. אַנ׳ענטפער אויף דעם וועלען מיר ווייסען אין 3—4 וואָכען אַרום, דאַן וועלען מיר קריגען פּוטער, קאָנסערווען, שאָקאָלאַד און אַנדערע זאַכען. פערשטעהט זיך, נישט צו קיין ביליגע פּרייזען. אויפ׳ן פרייען מאַרק קריגט מען אויך אמאָל פּראָדוקטען, אָבער גאַנץ טייער. הכלל פאַר געלד קען מען אַלץ האָבען, שטוב־זאַכען, ליינוואַנט און בגדים קען מען דאָ אויך קריגען. פערשטעהט זיך, נישט קיין לוקסוס־זאַכען. און מ׳קען נישט קריגען וואָס מ׳וויל, נאָר מ׳דאַרף אָפּוואַרטען אַ געלעגענהייט.

מעלדונג

פון „אגודת ציון" אויף אַלטשטאַדט"

צוליב דעם, וואָס דער לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָפּטיילונג אויף אַלטשטאַדט א.ג. „אגודת ציון" איז צוליב בויפעליגקייט געשלאָסען געוואָרען, קומט פאַר היינט 8 אָוונט אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (שרודמיעסקא 29) אַ זיצונג פון דער פערוואַלטונג געווידמעט דער לאָקאַל־פראַגע, צו וועלכער עס ווערען איינגעלאַדען אַלע חברים פון „אגודת ציון".

338

!!! גענעראַל קאַטאַוווסקי !!! — פון — ר. גויל

צוויטער קאַפּיטעל

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קאַטאָווסקי איז טאַקע געווען געריכט. אין דעם אָנפאַל אויפ׳ן שפּיטאָל איז טאַקע געווען פערמישט די פּאָליציי.

אין בעדיכטע וועלדער האָט מען זיך רייטענדיג געיאָגט נאָך קאַטאָווסקי און זיין באַנדע. זעהר אָפט זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסען און מען האָט פון דערווייטענס איינע אויף די אַנדערע געשאָסען.

אָבער קאַטאָווסקי׳ן האָט מען אַלץ נישט געכאַפּט.

דאָ האָט מען זיך געיאָגט נאָך קאַטאָווסקי׳ן און דאָרט האָט ער מיט זיין באַנדע בעראַבעוועט פּלוצמאָל אַנ׳אַנדער פּריץ, און דווקא אין מיטען העלען טאָג.

און איינמאָל איז געשעהען אַזאַ פאַל:

דריי רייטער זענען צוגעפאָהרען צו אַ פּריצישען מאַיאָנטעק — זיי מוזען גלייך זעהן דעם באַלעבאָס! און ווען דער באַלעבאָס איז אַרויסגעקומען, האָט דער ערשטער רייטער זיך פאָרגעשטעלט פאַר איהם:

— איך בין קאַטאָווסקי. איהר האָט אוראי געהערט פון מיר. קיין סך וועל איך דאָ מיט אייך נישט רעדען. איך וויל אייך בלויז זאָגען, אַז ביי דעם אָרימען פויער מאַמטשוק איז אַ קוה געפּגר׳ט. אין דריי טעג צייט מוזט איהר איהם אַוועקגעבען איינע פון אייערע קיה, אָבער אַ גוטע אַ מעלקעדיגע. אויב איהר וועט דאָס נישט טון, וועל איך שוין זעהן, אַז ביי אייך זאָל אין די שטאַלען קיין איין בהמה נישט בלייבען! פערשטאַנען?

אָפּגעזאָגט, זענען די דריי רייטער אַוועק, איבערלאָזענדיג דעם פּריץ אַ דומישטען. וועגען אַזאַ זאַך ווי נישט פאָלגען קאַטאָווסקי׳ן האָט דער פּריץ נישט געקענט אפילו טראַכטען.

בעטאָלען אויף קאַטאָווסקי׳ס שפּור איז דער געהילפס־פּאָליציי־מייסטער סעלבערג. צווישען איהם און דעם פּריסטאַוו כאָדזשי־קאָלי איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ ווער עס וועט כאַפּען קאַטאָווסקי׳ן.

מיט אַנ׳אָפּטיילונג פון בעוואָפענטע רייטער איז סעלבערג איינמאָל, נאָר ציפעליג, צרויף אויף קאַטאָווסקי׳ס באַנדע. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שיסעריי, און געענדיגט האָט זיך די שיסעריי דערמיט, וואָס נישט סעלבערג האָט געכאַפּט קאַטאָווסקי׳ן נאָר פערקעהרט, קאַטאָווסקי האָט געכאַפּט סעלבערג׳ן.

סעלבערג איז געווען זיכער, אַז ער וועט שוין קיין לעבעדיגער נישט אַרויס. אָבער גראָדע האָט קאַטאָווסקי דאָס מאָל געוואָלט ווייזען אַ „ברייטען זשעסט", האָט ער דעם געהילפס־פּאָליציי־מייסטער אָפּגעלאָזען פריי און האָט איהם נאָך געגעבען אַ מתנה אַ זילבערנעם שטעקען מיט אַ גילדענער גאָלקע. ער האָט, אָבער, ביי איהם גענומען אַנ׳ערען־וואָרט, אַז ער וועט איהם מעהר נישט פערפאָלגען.

געוואוסט האָט קאַטאָווסקי, אַז דער געהילפס־פּאָליציי־מייסטער וועט דעם געגעבענעם ערענוואָרט נישט האַלטען. אָבער עס איז איהם גלאַט געפעלען דער „ברייטער זשעסט", און ער האָט געוואָלט נאָך אַ פּאַסירונג צו די געשיכטעס. וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען איהם, דעם „גרויסמוטיגען און פיין־דערצויגענעם רויבער".

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכען און די פּאָליציי האָט קאַטאָווסקי׳ן נישט געטשעפּעט, אָבער שפּעטער האָט מען איהם, מיט דער הילף פון דעם פּראָוואָקאַטאָר מ. גאָלדמאַן פערנאַרט אין שטאָט אַריין, וואו ער האָט זיך בעוועגט אין אַ קאָנספּיראַטיווער וואוינונג, און דאָרטען האָט מען איהם אַרעסטירט צוזאַמען מיט איינינע אַרויסהעלפער זיינע.

באַלד האָבען די צייטונגען געמעלדעט די גרויסע נייעס, אַז קאַטאָווסקי איז שוין פערשפּאַרט אין דער קישינעווער טורמע. און מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָבען זיך קאַטאָווסקי׳ס אָנהענגער אָפּגערעכענט מיט׳ן פּראָוואָקאַטאָר. זיי האָבען איהם דערהרג׳עט.

טורמע, קאַטאָרגע און א טויט־אורטייל

קיינעם האָט גאָר קיינמאָל נישט געקענט איינפאַלען, אַז מען קען אַנטלויפען פון דער קישינעווער טורמע. ביי די הויכע שטיינערנע ווענד, וואָס האָבען די טורמע אַרומגערינגעלט, זענען פון אינעווייניג און פון דרויסען בייטאָג און ביינאַכט געשטאַנען בעוואָפענטע וועכטער, און די אייזערנע טויערען זענען געווען פעסט פערשלאָסען.

קאַטאָווסקי האָט אָבער דאָך געטראַכט וועגען אַנטלויפען. ער, דער שטאַרקער, אויסגעאַרבעטער, וועהנ׳ליך געזונטער און מערקווירדיג בראַווער מענש, איז נישט פון איין טורמע אַנטלאָפען. און אויך דאָס מאָל האָט ער בעשלאָסען צו אַנטלויפען. אָבער געטראַכט האָט ער, אַז אויב שוין יאָ אַנטלויפען, זאָל דער גאַנצער פּלאַן דורכגעפיהרט ווערען אַזוי, אַז מען זאָל אומעטום זיין איבערראַשט, או מען זאָל האָבען פון וואָס צו רעדען און וואָס צו בעוואונדערען.

דער ערשטער פּלאַן זיינער איז געווען א מערקווירדיג געוואַגטער. ער האָט בעדענקט פריהער פון אַלץ צו ענטוואָפענען די גאַנצע וואַך און פערכאַפּען די גאַנצע טורמע אין זיינע הענד. דאַן וועט ער אויפ׳ן טעלעפאָן אַרויסרופען אַהער דעם פּראָקוראָר, דעם פּאָליציי־מייסטער און נאָך איינינע פּערזאָנען און זיי אַלעמען אַרעסטירען. אַ סך אַרעסטאַנטען וועט ער אָנטאָן אין די אוניפאָרמען פון בעוואָפענטע וועכטער און וועט אַלעמען אַרויספיהרען פון דער טורמע. עס וועט הייסען, אַז מען פיהרט אַוועק אַ גרויסען עטאַפּ קיין אָדעס. אויפ׳ן קישינעווער וואָקזאַל וועט מען פערכאַפּען אַ צוג און מען וועט זיך לאָזען פאָהרען קיין אָדעס. אָבער אויפ׳ן וועג וועט מען דעם צוג אָפּשטעלען און אַלע אַרעסטאַנטען וועלען זיך צולויפען איבער די וועלדער און פעלדער וואוהין די אויגען וועלען זיי גאָר טראָגען.

טאַקע נאָר אַזאַ געוואַגטער מענשען ווי קאַטאָווסקי האָט געקענט איינפאַלען אַזאַ פּלאַן.

(ווייטער מאָרגען).

שייטלעך

מיט פאריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען
ווערען פרשטקלאסיג און רעעל אויסגעארבייט
צו ביליגע פרייזען
-- און אנדולאציע --
ביי קערש, סקווערא 15

לאנג-יעהריגער
גערייכטס-סעקרעטאר
שרייבט און ערלעדיגט אלערליי
ביטעס, אנקלאגעס און קלאוזולעס
ספעציאליסט אין מיליטער-ענינים
ווי אויך אין שרייבען ביטעס פאר איינציגע שפייזערם (אפיצקעגסמווע). שנעלער אויס-קויף פון פאטעטען און רעגיסטראציע-קארטען אויפ'ן יאהר 1933
ב. מאז פעטריקאווער 10

פסיכאלאג און מעדיום
W. Messing
נעהמט אן אינטערעסאנטען
פעטריקאווער 62, פראנט, 62
2-טער שטאק, וו. 7.
זאגט פאר די צוקונפט, די געגענווארט און די פערגאנגענהייט מיט דער הילף פון טעלעפאטיע און טעלעפאטיע, ווי אויך עצות אין פינאנץ- און הייראטס-ענינים.
330

3 pokoje z kuchnią
przy ul. Cegielnianej, słoneczne z wygodami, elektrycznością, gazem i telefonem
zaraz do oddania.
Wiadomość telefon. 224-49.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
אנאנס ביז 15 ווערטער

לאקאלען
צו פערמיטען 2 גרויסע זוניגע צימערן פראנט, 1-טער שטאק. צו ערפאהרען זאכאדניא 11 וואהנ. 8, געאייגנעט אויף א וואוינונג אדער געשעפטס-לאקאל.
340

איבערציגעבען א גרויס זוניג פראנטאווע צימער מיט באלקאן און בעקוועמליכקייטען. צו ערפאהרען בזשעזשינער 10 ביים ווירט.
305

שטיבעל מיט קוכעל, עלעקטריע וואסער מיט אבגוס און וואוינונג גלייך נאך ארייגזיהען. צו ערפאהרען ביים ווירט זגערזשער 43/45.
330

א סקלאד פון קויהלען און האלץ אין א גוטען פונקט צוליב אבריזע אבצוגעבען זעהר ביליג. קילינסקיעגא 146.
335

פריוואט-שטונדען
עס ווערט געזוכט א פראקטיצירטע פערקויפערין אין א מלפטשארניע פריידענזויך. שרודמיעסקא 28.
329

פערשיידענעס
מענער און פרויען מיט 10 זל. קויטאל קען יעדער לייכט גלער פערדינען אלס אגענט ביי אן'אייגעפיהרט ארטיקעל. צו ערפאהרען וואולטשאנסקא 119, וו. 12. פון 10-2 נאכם.
338

די אלע, וועלכע האבען צגעשטעלט צו בעקומען פון ליבערמאנ'ען קויהלען, קענען בעקומען אויף קילינסקיעגא 6, אין קויהלען-סקלאד.
334

Rutynowany buchalter - bilansista, specjalista w zaprowadzeniu ksiąg, ma jeszcze kilka godzin wolnych. Wyuczam także pod gwarancją prowadzenia prawidłowych ksiąg. Wiadom. Gdańska 7, m. 9

די
ביליגסטע קוועלע
און דער
גרעסטער אויסוואהל
לייסטע-ראהמען
סטיל-
אוואל-
צו פארהאנגען.
צו טאפעטען-לייסטען
נאר אין דער פאבריק פון
י. צווייליך, לאדז.
נארוטאוויטשא 11 אין הויף
בעמערקונג: בעזונדערע
...

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8-11 און פון 5-9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9-1 פארם.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

כירורגיש- וועכנערין-קליניק
„SANATO"
s. z o. o.
אגראדאווא 10 טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
געבורטען II קל. 175 זל.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה, און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערוועז-קראנקהייטען. קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
-- טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אווענד. --
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכם. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נאר קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
- בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זל.

Doktór
Łagunowski
Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.
choroby skórne, weneryczne i moczopłciowe.
Gabinet Roentgeno-leczniczy.
Przyjmuje od 8[30] do 10, 1 — 2[30] od 6 do 8[30] w w niedzielę i święta od 10—1.
Oddzielna poczekalnia dla pań.

ENGLISH
פארגעגער און פארטש-געשיכטע, קאנווערסציע, ליטעראטור ערטיילט א פעהיגער פעדאגאג. - אפפרעגען אין אדמיניסטר. פאר "Mir".

Ciężar Kryzysu
odczuwają tylko firmy nie rozumiejące potrzeby ogłaszania się
Celową reklamę przeprowadza jedynie
AKWIZYCJA OGŁOSZEŃ
FUCHS'a
Piotrkowska 50
Tel. 121-36

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע. אן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף הילעם פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס איז גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, וויל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס ווי א פענשטער-קאפ, אדער אזוי ווי א האספער-קאן און עס פעלט ערווין אין דעם פיס און דער קראנקער איז און א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל געגענע הייל באנדראזשען אויסגעצייכענטע גוט דורך דרויסע פראפעסארען מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר
...
עמפפאנג פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונד.

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.
בעמערקונג: דאס פערזענליכע פראבירען פון די קראנקע איז אומבע-דינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד״ר באראנעק, פראפ. ד״ר י. מאריש-לער, פראפ. ד״ר בר. קישלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.
...
(—) ארוויל דרעשלער
לאדז, ...

רעטשניצע
זגערזשער 17
נעהמט אן קראנקע אין אלע ספעציאליטעטען
פון 9 פריה ביז 7 א זייגער אוונד.
וויזיט 3 זל.

Dr. med. Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען
פעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאג און פון 5-9 אוונד. זונטאג פון 10-1 בייטאג.
פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייזען

Dr. S. Kantor
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגן אויף
PIOTRKOWSKA 90, tel. 129-45.
נעהמט אן פון 8—2 נאכמיטאג און פון 4 - 9 אווענד
זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכם.

Dr. HELLER
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע
האט זיך איבערגעצויגן אויף
טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4—8 אווענד
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

Dr. med. Z. DATYNER
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאז און אורין-קראנק.
האט זיך איבערגעצויגן
ZACHODNIA 59 a, tel. 148-95.
נעהמט אן פון 8-9 פריה און פון 6-8 אווענד.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15 טעל. 149-07.
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער-שוואכע בע-האנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
נעהמט אן פון 8-11 פריה און פון 4-8 אווענד.
זונטאג פון 9-1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע-לעטשניצע-פרייזען.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה
מארגן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב-יו״ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . . —60 4
זאגן טעקסט—12 . . . . . —18 8
אויפער דער שטארט 50 פראצ. טייערער. אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט 8 שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווער-טער 1 זל. יעדעס העכערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז:
אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש ; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

זעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקן די אנאנס אדער צוריקציצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט אין טער מין פון די אנאנסען איז דער פארלאג נישט פאראנט-ווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman